# דער יוד

# DER JUDE

## צייטשריפט פיר אלע יודישע אינטערעסען

ערשיינט יעדע וואך — פערלאג: חברת „אחיאסף“.

קראקוי, ואדר תרס״ב. — פיערטער יאהרגאנג. — Krakau, 3 März 1902.

נומר 14


## איינהאלט:


א) אפוסטער פאראנדיק. פאביוס שאך.

ב) פאליטישע איבערזיכט. י. ל.

ג) דאס יודישע לעבען אין אדעס. מענדל לעווין.

ד) א. ש. פריעדבערג.

ה) מען שרייבט אונז.

ו) די יודישע וועלט.

ז) אלגעמיינע וועלט-נייעס.

ח) א וולום. געדיכט. י. ל. ברוכאוויטש.

ט) משה, דער אלטער משרת. ערצעהלונג. אברהם וואלפזאהן.

י) קליינע מענשעליך. פעלעטאן. שלום-עליכם.


## די יודישע פאמיליע.

דאס יעטצטיגע דריטע העפט איז דאס לעטצטע פון דעם ע־שטען פיערטיל יאהר און מיר דערמאנען אונזערע געעהרטע אבאנענטען וועלכע האבען צוזאמען מיט דעם „יוד“ אויך איינגעשריבען דעם זשורנאל „די יודישע פאמיליע“ און האבען איינגעצאהלט די ערשטע ראטע 75 קאפ׳, זיי זאלען צושיקען די **לעטצטע 75 קאפ׳**, צוזאמען מיט דער צווייטע ראטע 2 ר׳ פיר דעם „יוד“, בכדי זיי זאלען אויך ווייטער בעקומען פונקטליך, ווי ביז אהער, די צייטונג מיט דעם זשורנאל.

די אבאנענטען וואס שרייבען אויס „די יודישע פאמיליע“ אליין דארפען צושיקען פיר דעם צווייטען פיערטיל־יאהר — 1 רובל.

דער איינציגער זשורנאל אין דער יודישער שפראך וועט אויך ווייטער געבען זיינע לעזער איינטערעסאנטע ארטיקלען און ערצעהלונגען, אריגינעלע און איבערזעטצטע, שירים, ביאגראפיען אז״ו. און אויסער די אלע בעשטענדיגע אבטהיילונגען וועלען אין די ווייטערדיגע העפטען איינגעפיהרט ווערען אויך נייע אבטהיילונגען, אין וועלכע עס וועט דאס אנגענעהמע מיט דעם נוטצליכען פערבונדען זיין. איבערהויפט וועלען מיר פערגרעסערן דעם טהייל פון **פאפולער־וויסענשאפטליכע ארטיקלען.**

בכלל קענען מיר פערזיכערן אונזערע געעהרטע אבאנענטען, אז מיר וועלען זיך אלע מיהע געבען דעם זשורנאל צו ברענגען צו אזא שטאנד ער זאל באמת זיין נוטצליך **פיר יעדע יודישע פאמיליע.** דארויף וועלען מיר נישט שפארען קיין הוצאות, נישט קוקענדיג אויף דעם ביליגען פרייז וועלכען מיר האבען געשטעלט, דען מיר האפען אז די יודישע לעזער פון זייער זייט וועלען אויך אונז מיטהעלפען ווי ווייט מעגליך צו פערשפרייטען צווישען זייערע בעקאנטע „די יודישע פאמיליע“.

דאס דריטע העפט איז צושיקט געווארען מיט דער נומר 12.

די אדמיניסטראציאן.

☛ אין אמעריקא איז צו אבאָנירען דעם „יוד“ אין „די יודישע פֿאמיליע“ אויך אללע אויסגאבען אחיאסף׳ס ביי: S. Kantorowitz New-Jork 4 Rutgerstr. 4

# געזעלשאפט „כרמל“ ווארשא

אבטהיילונג אין אדעססא.

נאטירליכער וויין און קאָניאק פֿון די יודישע קאָלאָניעס

וועלכע ווערען אויסגעארבייט אין די וויינקעלערען פֿון

## בּאראָן ראָטהשילד אין ארץ ישראל



Марка утв. правительствомъ,

אלע וויינען און קאָניאקען פֿון „כרמל“ (אויסער ווערמוטה) זענען כשר אויף פסח און עס איז אָבגעשיידט פֿון זיי תרומות און מעשרות כדין וכדת.

כדי צו בעוואָרענען כרמל-וויין און קאָנאקען פֿון נאכגעפֿעלשטע, פֿערקויפֿען מיר אונזערע וויינען און קאָניאקען נור אין פלעשער פֿערזיגעלט מיט אונזערע סטעמפעל און פֿערקניפּט מיט דער פלאָמבע פֿון „כרמל“.



Золот. медаль Парижъ 1900.

| | |
|---|---|
| **Russie.** Varsovie: Société „Carmel“ rue Nalewki. Odessa: Société „Carmel“ Rue Richelieu. | **Egyp e.** Alexandria: Nessler. |
| **France.** Paris: „Vins de Palestine“ 68 Rue Bondy. | **Amerique** New-York: Carmel Wine Co 311 Fift. str. 357—359 Grand. str. |
| **Allemagne.** Berlin: Gsll „Palaestina“ St. Wolfgangs Str. | **Danemark.** Copenhague Société „Karmel“ Adolph Steensallee 5. |
| **Autriche.** „Vienne: Gsll. Karmel“ Boerseplatz 6. | **Bulgarie.** Sofia, Société „Carmel“ Tscherweni Rak. |
| **Angleterre** London: Palestine Wine Co. 11 Bevis Marks | **Palestine.** Jaffa, Sté des Vignerons rue Boustros. Jerusalem, Sté des Vignerons rue Jaffa |



Этикетъ утв. правительствомъ.

511 אונזערע וויינען און קאָניאַקען איז צו בעקומען אין אַלע גרויסע וויינהאַנדלונגען אין גאַנץ רוסלאַנד.

**נייעס!** וויר האָבען ערפֿונדען איין גאלד מעטאלל Будущее з.лото וועלכעס וויר פֿערקויפֿען אין פֿערשיעדענע אויסאַרבייטונג צום בילליגען פרייזע אויך גאַנצע ציינקען. וויר גאראַנטיערען אז דיזעס מעטאלל שטעהט ניכט אָפּ פֿאָן עכט גאָלד — עס שווארצט קיין מאהל. נאָך דייטליכער ערקלערונג בישטע זיך צו ווענדען אן: **נייעס!**

**Бр. А. и К. Берманъ Староконст.нтиновъ** Вол. губ.

## איזראעליטישע רעאל אונד האנדעלסשוהלע נעבסט פענסיאנאט צו פפינגשטאדט ביי דארמשטאדט.

די שילער (פאן 8 ביז 15 יאהרען) ערהאַלטען גרינדליכע וויסענשאפֿטליכע אויסבילדונג אינד רעליגיעזע ערציהונג. בעסטע רעפֿערענצען ביי הערפֿאָרראגענדען מאַנערן דעם אין-אונד-אויסלאנדעס, זאוויע ביי פֿריהערען שילערן, די זיך אין אַנגעזעהענען שטעללונגען בעפינדען.

505 נעהערעס דורך דירעקטאר ד״ר בארנאס.

## א סורפּריז פיר דאמען



די נייערפֿינדענע מאשינקע „האפטאגראף“ פאטענט נו׳ 1412 צים ארטיסטישען העפטען, דאס צוואנציגסטע יאהרהונדערט, וועלכעס איז אזוי רייך מיט ערפֿונדינגען האט אויך געבראכט די דאמען א נייעם „האפֿטאגראף“ דורך וועלכען יעדער קען אהן פֿאדהעריגע פֿארבערייטונג שען העפטען אויף טעבעל, קאווייאָרען, פֿאָרהענגע, טישטיכער, קישענס א.ז.וו. צו אַרבעטען איז זעהר אנגענעהם און מען דארף נישט אנשטרענגען די אויגען און עס פערכאטערט נישט. מיט הילף פֿון „האפֿטאגראף“ קאן מען אויס-העפטען אין איין שטונדע מעהר ווי מיט דער האנד א גאנצען טאג. אין אויסלאנד איז דער „האפֿטא-גראף“ אזוי פֿערברייטעט אז עס איז נישטא קיין איין הויז, וואו ער ווערט נישט בענוצט. ער איז זעהר א גוטע פֿערוויילונג און בעדערפֿטיגע ברענגט ער א זיכערען פֿערדיענסט. דער „האפטאגראף“ וועט מאכען איין גרויסע ענדערונג אין פֿריוען-האנדארבייט

פרייז מיט פאַטא 4,85 רובעל, פער נאכנאהמע 4,95 ר׳. אילוסטרירטע אנווייזונג אימזיסט. אדרעסע:

504 **I. Фр.нцузъ, Варшава, Королевская 49.**



## געגען מערידען און פוקלעס!

אפאראט וועלכער היילט גרינדליך

אָהנע : פעראציע פּרייז 2 ר׳ 50 קאפ.



**Д. МОШКОВСКIЙ,** Варшава, Мурановъ 16

**съ I-го Iюля Н.левки 37** 503

IV. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 14

דער פרייז פֿיר רוססלאנד:
גאנץ יאָהרליך —.5 רובל.
האלב יאָהרליך —.3 „
פֿיערטעל יאָהרליך 1.50 „
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאָנירען — 2 רובל
דען 1טען אפריל — ? „
דע 1טען אויגוסט — ? „
איינצעלנע נומערן 15 קאפ.— 30 העללער.
ענדערן די אדרעס קאָסט 20 קאָפ
די אדרעסע פֿיר רוסלאנד:
Издательство
„Ахіасафъ“, Варшава.

# דער יוד

צייטשריפט
פֿיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואָך.
פֿערלאג: חברת „אחיאסף“.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אָסטרייך-אונגארן —.12 קראָנען
האלביאָהריג —.6 „
פֿירטעליאָהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פֿראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא. ענגלאנד —.10 שילינג
פרייז פֿון מודעות (אנצייגען):
פֿיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפֿעניג, 10 קאפ.
די אדרעסע פֿיר עסטר.-אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration Der Jude,
Krakau, Gertrudy 16.

קראָקויא, ואדר תרס"ב. נומר 14 Krakau, 3 April 1902.

## אונזערע געעהרטע אבאָנענטען

וועלכע האָבען נור איינגעצאָהלט פֿיר דאָס ערשטע קווארטאל, מאַכען מיר אויפֿמערקזאם, אז זייער אבאנאמענט האָט זיך געענדיגט מיט דער נומר 13 פֿון פֿאָריגער וואָך.

מיר בעטען אַזוי גוט צו זיין און אונז באַלד אריינשיקען פֿיר

## דאס צווייטע קוואַרטאַל

וועלכעס הויבט זיך אָן מיט דער היינטיגער נומר 14.

## די אדמיניסטראציאָן.

### א פוסטער פאַראַנדיק.

מען דערצעהלט אַ מעשה פֿון אַ פויער, וואָס האָט זיך פֿערזינדיגט ביי זיין פריץ, ווען עס איז נאָך געוועזען די פאנשצינע אין רוסלאַנד. מען האָט איהם אָבגע׳משפט צו קריגען 100 שמיטץ. צוויי דיענערס האָבען איהם אַריינגעפֿיהרט אין בית־דין־שטוב, האָבען אויסגעשפרייט אַ שענעם דיוואַן און האָבען איהם אַוועקגעלעגט אויף דעם דיוואַן. מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ דאָקטאָר, ער זאָל אַכטונג געבען אויף די שטראָף און אַ מענשען, וואָס זאָל צעהלען די שמיטץ. דערנאָך איז געקומען אַ דיענער מיט אַ רויטען העמדיל און מיט אַ נאַגאַיקע אין דער האַנד און מען האָט אָנגעהויבען צו שמייסען. נאָך 10 שמיטץ האָט דער דאָקטאָר געהייסען 2 מינוטען אויסרוהען און מען האָט דערנאָך ווייטער געשמיסען. אזוי האָט מען געצעהלט און געשמיסען, און די מעשה האָט געוועהרט אַ גאַנצע האַלבע שעה. אַז דער פויער איז נאָכדעם געקומען האַלב טויטערהייט אַהיים, האָט מען איהם געפֿרעגט, ווי עס איז געוועזען. דער פויער האָט געענטפֿערט מיט גרויסער התלהבות: „די שמיטץ ווי די שמיטץ, אָבער דער פּאַראַנדיק איז געוועזען גרייליך שען און פֿיין!“

ווען איך הויב נור אָן צו קלערען וועגען די דייטשע יודען דערמאָהן איך מיר גלייך אָן די דאָזיגע מעשה. די דייטשע יודען און זייער לעבען און זייערע פֿעראיינען — עס איז טאַקע אומעטום אַ שענער פּאַראַנדיק. מען מוטשעט די יודישע נשמה צו טויט, מען פייניגט און קוועלט דעם יודישען גייסט, מען אונטערדריקט דאָס יודישע לעבען, אָבער — דער פֿיינער פּאַראַנדיק, דאָס איז די הויפּטזאַך. אין רוסלאַנד איז דאָ דער יודישער גייסט, מען פֿיהלט אויף יעדען טריט יודישעס לעבען, נאָר עס פֿעהלט די אָרדענונג, די אָרגאַניזאַציאָן, עס איז אלץ אָהן אַ טאָלק. אין דייטשלאַנד איז אַ גרויסע אָרדענונג, עס איז אַלצדינג פֿיין אָרגאַניזירט, עס פֿעהלט נור אַ קלייניגקייט: דער יודישער גייסט.

איך וואָהן אַצונד אין באַדען, וואו די יודען האָבען די בעסטע אָרגאַניזאַציאָן. אין פרייסען האָט מען די יודען געגעבען רעכטע נור אויפֿ׳ן פאַפּיר, און די רעגירונג קימערט זיך גאָר ניט וועגען די זאַכען, וואָס זענען נוגע צו דער יודישער אמונה. זיי זענען געבליבען שטיפֿקינדער, זיי מוזען אַליין בויען זייערע שולען צום דאַווענען און זייערע קינדערשולען און אַליין צאָהלען שכירות זייערע רבנים, חזנים און לעהרערס. אין באַדען האָט מען די יודען געגעבען רעכטע אין דער אמת׳ן, ד. ה. מען בעהאַנדעלט זיי דאָ אַזוי ווי די קאַטהאָליקען און די פּראָטעסטאַנטען. די רעגירונג האָט געמאַכט אַ גוטע יודישע אָרדענונג און עס איז אַלצדינג אַזוי גוט אָרגאַניזירט, ווי מען קען זיך נאָר בעסער ניט ווינשען. די יודען האָבען זייערע אייגענע הנהגה, וועלכע הייסט „גרויסהערצאָגליכער אָבערראַט דער באַדישען איזראַעליטען“. די הנהגה האָט פֿאַר אַלעס צו זאָרגען, וואָס איז נוגע צום כלל פֿון די באַדישע יודען. די רעגירונג צאָהלט פֿון דער רעגירונגקאַסע געלד פֿאַר יודישע זאַכען, די רבנים און די חזנים און די לעהרער זענען אַנגעשטעלט פֿון דער רעגירונג, די שולען שטעהען אונטער דער השגחה פֿון די ראַבינער. אַלע 3 יאָהר ווערען אויסגעקליבען פֿון יעדער קהלה דעלעגאַטען און די קומען קיין קאַרלסרוהע צו דער אסיפה (זינאָדע). די זינאָדע ווערט ערעפֿענט פֿון דעם מיניסטער און דאָרט ווערט בעראַטען און בעשלאָסען, וואָס מען מוז מאַכען פֿאַר די באַדישע יודען, וויפֿיעל געלד מען האָט נויטהיג, ווי־

פיעל אבצאהלונגען מען מוז געבען. די החלטות מוז דערנאך אויספיהרען דער אבערראט, וואס בעשטעהט פון יודישע אנגעזעהענע גבירים און רבנים, בקיצור: **עס איז א גרויסארטיגע ארגאניזאציאן**. אבער — עס איז די ארגאניזאציאן פון א בית־עולם, עס איז אלצדינג טויט, עס פעהלט דאס לעבען, עס פעהלט דאס אינטערעס פאר יודישע זאכען, **עס איז א פוסטער פאראנדיק**.

איך האב מיר אנגעקוקט די לעצטע זינאדע אין פאריגען יאהר און איך האב געמיינט, אז די מתים זענען אויפגעשטאנען פון קבר און האבען אבגעהאלטען א אסיפה, אזוי לאנגווייליג, אזוי קאלט איז אלעס געווען. מיינט איהר, אז די דעלעגאטען ווייסען, **פאר וואס** און **צו וואס** זיי זענען אויסגעקליבען געווארען? און די אויסקלויבער, פרעגט זיי בחרם, פאר וואס זיי האבען דוקא אט די דאזיגע דעלעגאטען אויסגעקליבען? דער פארשטעהער פון די בתי תפלה האט זיי אויפגעשטעלט, האט מען זיי אויסגעקליבען. וואלט מען אויפגעשטעלט פלעקער, וואלט מען זיי אויך אויסגעקליבען. און ווי קלויבט מען אין באדען! אין מאנהיים וואהנען 7000 יודען, האט מען פון זיי 34 אויסגעקליבען אין די זינאדע. אין קארלסרוהע זענען פארהאן 2500 יודען, האט מען פון זיי אויסגעקליבען 13 מענשען צו דער זינאדע. אבער וואס העלפט די שענע ארדענונג, ווען די הויפטזאך פעהלט, דאס יודישע לעבען?

די פרומע שרייען אויף די רעפארמער און די דייטשע ציוניסטען שרייען מיט, אבער איך וועל אייך זאגען דעם אמת. איך וואלט שוין צופרידען זיין אפילו מיט די רעפארמער, **אבי עס זאל נור זיין יודישעס לעבען**. אז מען האלט מלחמה איבער די ארגעל, איז דאס טאקע א נארישקייט, אבער עס איז דאך אין דעם פארט פארהאן א ביסיל אינטערעס פאר יודישע זאכען. נאך ערגער איז, ווען עס איז שטום, ווייל אלע שלאפען גאר און זיי ווילען זיך די זיסע חלומות ניט פערדארבען. און מיינט איהר, אז מיט די דייטשע פרומע איז עס עפיס בעסער? זיי זענען דיזעלבע עמי־הערצים ווי די רעפארמער און האלטען זיך פאר עכטע דייטשען גלייך ווי יענע. די פרומע יודען אין דייטשלאנד זענען עפיס א מין **יודישע קאטויליקען**, עס פעהלט זיי נור דער פאפסט. עס זענען פוסטע צערעמאניעס, וואס האבען קיין טעם און קיין ריח ניט. איך קען אין פראנקפורט א פרומען יודען וואס חאפט יעדען טאג די מלאכים פאר'ן באריד, און פונדעסטוועגען נעהמט ער ליעבער קריסטליכע ווי יודישע יונגע לייט צו זיך אין געשעפט אריין. מען דארף נור א קוק טהון אויף די צייטונג „איזרעאליט" אין מאינץ, די הייליגע צייטונג פון די דייטשע פרומע יודען, וועט מען גלייך זעהן, אז די רעפארמער און די פרומע האבען נור ביידע א פוסטען פאראנדיק, נאר די האבען א נייעם און יענע איין אלטען פאראנדיק.

מיט א יאהר צוריק האט מען געשריען מעשים, מען וויל א אלגעמיינע אסיפה פון אלע דייטשע יודען, א גרויסע יודישע ארגאניזאציאן. איצט איז ברוך־השם ווידער געווארען שטיל, און קיין מענש רעדט ניט מעהר דערפון, די קהילות האבען זיך אבגעשראקען דערפאר, זיי ווילען גאר ניט אויפשטעהען, זיי ווילען ווייטער שלאפען. און אין אמת'ן, וואס וואלט העלפען די נייע ארגאניזאציאן, אז עס איז ניטא קיין לעבען? די אלטע דורות, וואס האבען נאך געוואוסט א־ביסיל פון יודישקייט, שטארבען פאמעליך אויס, און די יונגע ווילען גאר ניט וויסען, אז זיי זענען יודען. אז מען לערנט מיט דעם יונגיל רעליגיאן, טהוט מען דאס נור דעם אלטמארישען זיידען צוליעב,

---

# פעלעטאן.

## קליינע מענשעליך

### מיט קליינע השגות.

בילדער

פון שלום־עליכם.

XI.

### פארבענגט אהיים.

איז אויפגעשטאנען דער פרעזידענט, נח רב יאסילעס, א נגיד'ס איין איידעם און א יונגער מאן א משכיל, און האט געזאגט עטליכע ווארעמע ווערטער.

— „פיער טויזענד יאהר — אזוי האט נח דער פרעזידענט אנגעהויבען און האט גענומען אביסיל צו א הויכען טאן — פיער טויזענד „יאהר אז מע קוקט אויף אייך פו דער הויך פון די דאזיגע פיראמידען! „מיט די דאזיגע ווערטער האט זיך אמאל געווענדעט דער גרויסער נאפאליאן „צו זיין גווארדיע, בשעת ער איז געגאנגען איינגעמען מצרים. כמעט מיט די „דאזיגע ווערטער ווילט זיך מיר אנהויבען מיין היינטיגע רעדע צו אייך, „נאר אביסעלע אנדערש: שוין באלד צוויי טויזענד יאהר, ברידער, אז מיר, „געפינען זיך... נישט אויף דער הויך פון די פיראמידען, נאר טיעף, נייטן „איילען אין דער ערד. שוין באלד צוויי טויזענד יאהר, אז מיר קוקען „ארוים... נישט אויף אונזער „גווארדיע", נאר אויף משיח'ן, ער זאל קומען „אונז אויסלייזען פונ'ם גלות, און אונז ברייננגען אהין, אינ'ם לאנד פון אינזערע „אבות, קיין ארץ־ישראל... שוין באלד צוויי טויזענד יאהר אז מיר פאסטען „אלע שבעה עשר בתמוז, עסען נישט קיין פלייש אין די נייען טעג, און „קומט תשעה באב זעצען מיר זיך אין די זאקען אויף דער ערד, וויינען „און קלאגען אויף חורבן בית המקדש... שוין באלד צוויי טויזענד יאהר „אז מיר דערמאנען זיבען און זיבעציג מאל א טאג ציון און ירושלים — און „פרעגט וואס האבען מיר געטהון פון ציונ'ס וועגען און פון ירושלים'ס „וועגען? נעמט עפענט אויף די היסטאריע פון גרעטץ און זוכט, אפשר „וועט איהר געפינען, אז יודען האבען זיך געפרובט חאטש איין מאל, פון „נאך די מכבבעיער אן, א ריהר טהון חאטש מיט איין אבר פאר ארץ־„ישראל? אויב איהר וועט דאס מיר אויסווייזען, איז א סימן אז איך בין „נישט קלאהר אין דער יודישער היסטאריע!... לייענט די חכמי אומות „העולם, די גרעסטע קעפמענשען אין דער וועלט פון אמאל: אפלטון, „אריסטאטלעס, סאקראטעס, און די היינטיגע: ספינאזע, באקל, ספענסער, „שלאסער וכדומה און זוכט, אפשר וועט איהר געפינען, אז ס'איז מעגליך „אז א פאלק זאל זיך קענען האלטען אויף דער וועלט אהן א לאנד, „אהן א מלוכה, אהן איין איינען שטיקיל ערד, אהן לייב און לעבען, לא „בשמים ולא בארץ, נישט אויפ'ן הימעל, נישט אויף דער ערד, אלא „כמצליף — דאס הייסט געהאנגען אויף חדושים אין דער לופטען, אויף „נאלע נסים?... אויב איהר וועט מיר אזעלכעם אויסווייזען, איז א סימן אז „איך בין א גראבער יונג, איין עם־הארץ, וואס האט קיין מאל נישט גענומען „קיין ספר אין האנד!... און צוריק וועל איך אייך פרעגען: זאגט מיר וואס „איז דער שכל, וואס א פאלק אהן א לאנד, אהן א מלוכה, אהן איין איינען „שטיקיל ערד, אהן לייב און לעבען, וואס הייגגט אויף חדושים אין דער „לופטען, אויף נאלע נסים, האלט זיך אזוי לאנג און אזוי פעסט און לאכט „פון דער גאנצער וועלט מיט אלע זייערע אינקוויזיציעס, רדיפות, רציחות „און גזרות — דאס גרעסטע נעלעבטער?... און טאקע נאך אמאל דאס „אייגענע פערקעהרט, זאגט מיר איך בעט אייך: וואו זענען אהינגעקומען „יענע אלע איבריגע פעלקער, אונזערע אמאליגע אלטע שכנים: אדום און „מואב און מצרים און אשור און בבל?... פון יענעם קליינווארג וואס מיר

אלע ציוניסטען זענען טאקע ווערט, אז מען זאל זיי פערברענען אדער אויפהענגען. הערר גענעראל־קאנזול פראטצענבערג גיט א גרויסען באל, דא געפינט מען די בעסטע שפייזען און די טייערסטע וויינען און די פיינסטע ציגארען פון גאנץ בערלין, און די טייערע זאלען און די פיינע געסט, באראנען, גראפען, אפיציערען און הויכע בעאמטע. ווער וואס יוד? ער איז שוין 20 יאהר ניט געוועזען אין טעמפעל און די קינדער זענען שוין ברוך־השם גאנץ כשר געטויפט. אט קומט פארביי א רוסישער יוד און גריסט און זאגט „גוטען טאג, הערר גענעראל־קאנזול!“ דא איז דער גאנצער חלום אוועקגעפלויגען און ער מוז זיך גאר דערמאהנען, אז ער האט פאר 20 יאהר געהאנדעלט מיט בהמות. איז דאס ניט א געוואלד? מען טאר אזעלכע יודען גאר ניט אריינלאזען אין דייטשלאנד, ווארום זיי צושטערען די תענוגים פון די „יודישע דייטשען“ און דערמאהנען זיי אן די אלע צרות פון זייערע עלטערען און פון זייער פאלק.

אבער אנטקעגען דעם איינענעם שאטען קען מען קיין מלחמה ניט האלטען. דאס יודענטהום איז דער שאטען, וואס בעגלייט די דייטשע יודען אויף זייער וועג. דער אנטיסעמיטיזם זארגט שוין דערפאר, אז מען פערגעסט ניט, ווער זייער טאטע איז געוועזען. דער אנטיסעמיטיזם איז די בעסטע שטיצע פון יודענטהום אין דייטשלאנד. איך וויים ניט, אויב עס וועט נאך וואס ווערען פון די דייטשע יודען. עס וועט זיין א נס, ווען פון די דאזיגע אויסגעדארטע ביינער וועלען נאך אמאל ווערען לעבעדיגע יודען. וועט אבער דאס יודישע לעבען נאך אמאל אויפשטעהן אין דייטשלאנד, דאן וועט מען דאס האבען די אנטיסעמיטען צו פערדאנקען און מען וועט מוזען שטעקען און אהלווארדטען שטעלען מאנומענטען.

פאביוס שאך.

# פאליטישע איבערזיכט.

רוסלאנד און פראנקרייכ׳ס ענטפער אויף דעם ענגליש־יאפאנישען בונד. — די ענגלישע פאליטיק אין פרס. — די מלחמה אין אפריקא. — דער פארלאמענט אין עסטרייך. — די פאלאקען אין פרייסען.

נאך דעם בונד צווישען ענגלאנד און יאפאן, וואס איז אייגענטליך געשלאסען געווארען געגען די רוסישע פאליטיק אין חינא, האט מען געקאנט מיינען, אז ענגלאנד וועט איצט ווידער קריגען די אויבערהאנד אין דער פאליטיק. מיר האבען שוין געהאט די גלעגענהייט אנצווייזען אויף איינינע זייטיגע ענינים, וועלכע וועלען פיעל אבשוואכען די קראפט פון דעם ענגליש־יאפאנישען בונד. איצט איז געגען דעם בונד ארויסגעטרעטען א פיעל וויכטיגערע קראפט—דער גרעסערער הסכם צווישען רוסלאנד און פראנקרייך אין דער חינעזישער פראגע. די רוסישע און פראנצויזישע רעגירונגען האבען צו גלייכער צייט מודיע געווען אלע פרעמדע מלוכות, אז אין די פאליטישע פראגען פון דעם ווייטען מזרח הערשט צווישען זיי איין הסכם און אחדות, און אז זיי ביידע זענען גרייט מיטצוהעלפען איינע דער אנדערער, אין פאל ווען זייערע אינטערעסען אין דעם ווייטען מזרח וועלען ווי עס איז ליידען שאדען.

די אפיציעלע מודעה איז געשריבען אין זעהר א פיידליכער שפראך. זי דריקט אוים איהר פרייד, וואס דער ענגלאנד־יאפאנישער בונד איז פאר די זעלבסטשטענדיגקייט פון חינא און קארעא און וואס ער פערלאנגט די גלייכע האנדעלסרעכטע פאר די אונטערטהאנען פון אלע מלוכות, רוסלאנד און פראנקרייך ערקלערען אין זייער מודעה, אז אויך זיי האבען שוין פיעל מאל פריהער קלאר אויסגעדריקט דעמזעלבען פערלאנג.

„אקציע. עס פעהלט אונז נאך כמעט העכער האלב; לכן איז א יושר, „ברידער, איהר זאלט זיך אנטהון א כח טאקי דא אויפ׳ן ארט און טאקע „באלד צענויפלייגען זיך, איטליכער וויפיעל ער קאן, און זעהען סע זאל „ווערען די גאנצע סומע גאר אהן א שום תירוץ!... און לאזען אונזערע „ברידער אויף דער גאנצער וועלט וויסען, אז אין כתריליווקע זענען אויך „פאראן ציוניסטען, וואס סע ברענט אין זיי דאס הייליגע פייעריל פון ציון, און לאז דער דאקטאר הערציל זעהען, אז זיין הארעוואניע פון אונזערט וועגען איז חאטש נישט אומזיסט!...“

* * *

פליעסקען מיט די הענד און שרייען בראווא — דערפון וויסט מען נאך נישט אין כתריליווקע — און דאנקען נאט וואס מע ווייסט נאך נישט. דער געפולדער מיט׳ן געשריי איז אזוי אויך גענוג גרוים; מע זאל נאך דערצו דארפען פאטשען מיט די הענד און שרייען בראווא וואלט מען נאר טויב געווארען צו אלדע שווארצע יאהר. דארטען, אז עס נעפעלט עמיצענס א ווארט, זאגט מען אז ס׳איז גוט און איין עק, און איטליכער חזרט איבער דאס וואס איהם געפעלט. וואס טויג מיר דאס פליעסקען? איהר נעמט זיך בעסער צו דער קעשעני. אזוי ווי אין כתריליווקע איז געוועזן, בשעת נח דער פרעזידענט האט אבגעזאגט די דרשה זיינע און דער עולם איז ארוים פון די כלים.

— וואס זאגט איהר אויף אונזער פרעזידענט? הא?

— א פיסק, — דער רוח זאל איהם נעמען!

— און א קענער! ער האט דאך אויסגעמישט די גמרא, מיט׳ן פסוק, מיט אלע ספרים, מיט אלע ביכער, מיט... מיט, מיט, מיט...

— א מענש זאל דיר זיין קלאהר אומעטום ווי א יוד אין אשרי!

— מע בעדארף האבען א קאפ ווי א באקדייזשע, מע זאל דאס אלסדינג געדענקען אויסוויינינ.

— בהמה! יענער זיצט טאג ווי נאכט און קוקט אין די ביכער אריין.

— ווער איז דער „שפענצער“ וואס ער ברייננט אלע מאל פון איהם איין אנדער פסוק?

— און דער „דרעפליר“ ווער איז?

— היינט דער „חתוך הדבור“ וויינער!

— און דאס ווארימקייט? דאס הייסט — א יוד!

— כפה מלא א יוד! הייסער פון א הסיד, ווי איך בין א יוד!

— נו, נח!....

אזוי האבען די כתריליווקער ציוניסטען געשמועסט צווישען זיך נאך נח׳ס דרשה אלע אינאיינעם און איינער איבער׳ן אנדערען, און מע האט נישט געמאכט קיין לאנגע שיהות און מע האט זיך גענומען צו די קעשענים און צו די ביטעליך און מע האט אויסגעקראצט וואו ס׳איז געוועזן ערגיץ א גראשען, און עס האט נישט געדויערט קיין האלבע שעה איז שוין געווארען דאס גאנצע געלד וואס מע האט בעדארפט, און אז ס׳איז נעווארען דאס גאנצע געלד וואס מע בעדארף, האט דאס דער קאונאטשיי — משה מאיר — א יונגערמאן א חלפן און א בעל־הלואה — צענויפגענומען, עטליכע מאל איבערגעצעהלט און איבערגעגעבען דעם סעקרעטאר — שמעיה קאטער, א יונגערמאנטשיק מיט לאנגע הענר — ער זאל אוועקשרייבען אהין וואו מע בעדארף און אויסשרייבען איין אקציע פון „אונזער אייגענער יודישער באנק“.

תיכף נאך דער אסיפה האט שמעיה דער סעקרעטאר זיך אוועקגעזעצט, פערקאטשעט די ארבעל ביז די עלענבויגענס און האט אוועקגעשריבען א גאנצע קארעספאנדענציע אין די יודישע בלעטער אריין אין זעהר א שענער שפראך אויף צוויי בויגען פאפיר און א חוץ א בריעף אין דער רעדאקציע מיט א בקשה, מע זאל די קארעספאנדענציע למען השם אבדרוקען גאנצערהייט פון „א“ ביז „ת“, נישט ארויסווארפען חלילה קיין

דער אינהאַלט פֿון דער רוסיש־פֿראַנצויזישער מודעה איז דערזעלבער, ווי דער אינהאַלט פֿון דער מודעה, וואָס האָבען אַרויסגעגעבען ענגלאַנד און פֿראַנקרייך. די ביידע מודעות זענען אָבגעהאַלטען אין אַ פֿרידליכען טאָן. געוויס ווילען אַלע צדדים, אַז דער שלום זאָל בלייבען פֿעסט אויך ווייטער צווישען די גרויסע אייראָפּעאישע מלוכות. נאָר די פּאָליטיק פֿון ענגלאַנד און רוסלאַנד אין דעם ווייטען אַזיען איז תּמיד געווען פֿיינדליך איינע צו דער אַנדערער. און פֿאַר רוסלאַנד האָט געקענט אַרויסקומען אַ שווערערע לאַגע דורך דעם בונד צווישען ענגלאַנד און יאַפּאַן. נאָר איצט איז דורך די דערווייטערונג פֿון דעם בונד צווישען רוסלאַנד און פֿראַנקרייך דאָס פֿריהערדיגע גלייכגעוויכט אין אַזיען ווידער געוואונען געוואָרען. דערמיט איז דער שלום אין אַזיען ווידער פֿעסטער געוואָרען, און אין דעם לינט די גרויסע וויכטיגקייט פֿון דעם נייען קאָנטראַקט צווישען רוסלאַנד און פֿראַנקרייך.

ענגלאַנד'ס און רוסלאַנד'ס פּאָליטיק בעגעגענען זיך אין פֿיעל ערטער און אומעטום אין זייער בעגעגעניש נור פֿיינדליך. פֿאַר אַיאָהרען האָט רוסלאַנד געקראָגען געוויסע לגאַטעם פֿאַר איהר האַנדעל אין פּרס. ענגלאַנד האָט רוסלאַנד'ס נצחון שטאַרק פֿערדראָסען, און די ענגלישע דיפּלאָמאַטען האָבען ניט גערוהט, ביז זיי האָבען זיך אויך אויסגעדונגען פֿאַר זיך גרויסע רעכטע. רוסלאַנד האָט געקראָגען דאָס רעכט צו בויען אייזענבאַהנען אין צפֿון פֿון פּרס. איצט האָט אויך ענגלאַנד געקראָגען דאָס רעכט צו בויען אייזענבאַהנען אין פּרס און דערמיט וועט זי האָבען אין פּרס ניט קיין קלענערע דעה ווי רוסלאַנד.

די ענגלישע רעגירונג לאָזט איהר פּאָליטיק קיין מאָל פֿון די אויגען ניט אַרויס, און אפילו איצט, ווען זי איז אַזוי פֿיעל פֿערנומען מיט דער מלחמה אין אַפֿריקא, מאַכען איהרע דיפּלאָמאַטען נייע פּאָליטישע בונדען און האַלטען אָב וויכטיגע נצחונות.

פֿון איהר מלחמה מיט די בורען הערען זיך איצט ווידער פֿריעדליכע שטימען, און ווי עס ווייזט אויס, פֿיעל וויכטיגערע ווי ביז איצט. די לעצטע דעפּעשען זענען מודיע, אַז אין פּרעטאָריא זענען אָנגעקומען די מיטגליעדער פֿון דער בויערשער רעגירונג איינצוטרעטען אין פֿערהאַנדלונגען וועגען שלום מיט דעם ענגלישען הויפּטקאָמאַנדיר קיטשענער. מען קען האָפֿען, אַז נאָך מעטוענס מפּלה וועלען די ענגלענדער איצט אַביסיל ווייכער ווערען.

אין דעם אייראָפּעאישען פּאָליטישען לעבען ווערט אויף אַ ווײַלע רוהיגער. אויף די פּסח־צייט ווערען אומעטום די פּאַרלאַמענטען פֿערמאַכט. דער עסטרייכישער פּאַרלאַמענט איז פֿערמאַכט געוואָרען ביי זעהר אויפֿגערעגטע סצענען, געשרייען און לאַרעמען, וועלכע זענען שוין לאַנג ניט געוועזען. עס איז בעהאַנדעלט געוואָרען די פֿראַגע וועגען אַ סלאָווענער גימנאַזיום. אין דער קאָמיסיאָן איז מען געוועזען געקומען צו אַ פּשרה, אַז מען זאָל מאַכען אין דער שטאָדט מאַרבורג איין סלאָווענישעס אונטערגימנאַזיום, אָבער ביי די ויכּוחים אין פּאַרלאַמענט האָבען די ניט דייטשע פּאַרטייען (די טשעכען, איטאַליענער, פּאָליאַקען, רוטהענען א. ז. וו.) זיך אָבגעזאָגט פֿון דער פּשרה, און דער פֿאָרשלאַג פֿון דער קאָמיסיאָן איז דורכגעפֿאַלען. די דייטשען זענען געבליבען אין פּאַרלאַמענט דער קלענערער צד, און די האָפֿנונג אויף אַ רוהיגע אַרבייט פֿון פּאַרלאַמענט איז איצט ווידער פֿיעל שוואַכער געוואָרען. חאָטש דער מיניסטער־פּרעזידענט קערבער סטאַרעט זיך צו בלייבען אומעטום אונפּאַרטייאיש און בעמיהט זיך מיט זיין גאַנצער קראַפֿט צו געפֿינען אַ מיטעלוועג צווישען די סלאַווישע און דייטשע פֿאָדערונגען, נאָר די

---

וואָרט, וועט דערפֿון אַרויס אַ גרויסע טובה סײַ פֿאַר'ן ציוניזם דאָס הייסט פֿאַר'ן כלל ישראל, סײַ פֿאַר דער רעדאַקציע גופא, ווארום אז כתריליווקע וועט דערזעהען אַז זי שטעהט אויפֿ'ן בלאַט, ווי וועט זיך ניט געפֿינען חאָטש איינער וואָס וועט אויסשרייבען דאָס בלאַט חאָטש אויף אַ האַלב יאָהר, און פֿון יענעם נומער, וואָס דאָרט וועט זיין געדרוקט די כתריליווקער קאָררעספּאָנדענציע, שמועסט מען ניט אַז איטליכער וועט וועלען קויפֿען... דערמיט האָט אונזער כתריליווקער קאָררעספּאָנדעט געוואָלט, ווי עס ווייזט אויס, אונטערשמירען די רעדאַקציע. נאָר ס'איז נישט געגאַנגען. אַלע רעדאַקציעס אויף דער גאַנצער וועלט האָבען אַ מאוסע טבע, אַז עס קומט זיי אָן אַ קאָררעספּאָנדענציע, הויבט איטליכער בעזונדער אָן אָבציהען פֿון איהר שמאַלץ און אַרויסוואַרפֿען גאַנצע שטיקער; נאָכדעם לייגט מען זי אַוועק אונטערן פּרעס און מע הויבט זי אָן קוועטשען ווי מע קוועטשט קעז אין אַ וואָרעטשיק — פֿערשטעהט איהר וואָס פֿון איהר קאָן ווערען משטיינסגעזאָגט ביז זי קומט אַרויס פֿון דרוק? ווארום עס מאַכט זיך אָפֿט מאָל, אַז דער רעדאַקטער אַליין איז נישט אויפֿגעלייגט און דערזעהט אַ קאָררעספּאָנדענציע פֿון כתריליווקע, טהוט ער אַ פֿרעג ביים בוכהאַלטער:

— וויפֿיעל אַבאָנענטען האָבען מיר אין כתריליווקע?

דער בוכהאַלטער, וואָס איז געוועסען די גאַנצע צייט ביז אַהער מיט אַ מעסעריל און גערייניגט די נעגיל, חאַפּט זיך אויף, טהוט אָן די ברילען, מישט און מישט אַלע ביכער און רופֿט זיך אָן צום רעדאַקטאָר:

— אין כתריליווקע? נישט אַ לעק!

פֿליהט דעמאָלט די קאָררעספּאָנדענציע גלייך אונטער'ן טיש אין קאָשעק אַריין...

דעם דאָזיגען פּסק האָט אונזער שמעיה נעבאָך געהאַט נישט איין מאָל; נאָר איצטינס מאָל האָט דאָס איהם אָבגעגליקט: דער רעדאַקטאָר איז געוועזען פֿערנומען אויף אַ ברית טאַקי ביי זיך אַליין, האָט דער סעקרעטאָר פֿון דער רעדאַקציע עפּיס רחמנות געהאַט אויף אונזער קאָררעספּאָנדענט און האָט איהם אָבגעדרוקט די כתריליווקער קאָררעספּאָנדענציע, געוויינטליך נישט איננאַנצען, פֿון "א ביז ת", נאָר דעם תּמצית פֿון איהר, בזה הלשון: „פֿון כתריליווקע שרייבט אונז הערר ש... אַז די אידעיע פֿונ'ם
„דאָקטאָר הערציל האָט דאָרט געפֿונען איין אָבקלאַנג אין די הערצער פֿון
„די קינדער ישראל, זי האָט אַרומגעחאַפּט דאָס פֿאָלק פֿון אַלע זייטען און
„דער ציוניזם האָט דאָרט אָנגעהויבען צו מאַכען היבשע טריט".

און נישט מעהר... פֿון דעסטוועגען איז אונזער קאָררעספּאָנדענט געווען גאַנץ צופֿריעדען, וואָס זאָג איך צופֿריעדען? גליקליך, גלייך ווי ער וואָלט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס. אַ ווערטעלי אויסצורעדען! אַ מענש זיצט דאָ און שרייבט — און דאָרטען נעמט מען און מע דרוקט אָב איטליכס וואָרט! היינט דאָס שטעהן מיט אַלע גרויסע אויף איין ברעטיל איז נאָר ניט? לעווינזאָהן, גאָרדאָן, סאָקאָלאָוו, סלאָנימסקע, אַבראַמאָוויטש, שמעיה און פֿרישמאַן אויך... פֿון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבען קוקען אויף זיך שוין מיט אַנדערע אויגען נאָר און מיט דרך ארץ, ווי אַ מענש וואָס די גאַנצע וועלט איז ביי איהם כּחומר בּיד היוצר: וויל ער עמיצען הויבען, הויבט ער איהם אויף ביז'ן הימעל; וויל ער איינעם וואַרפֿען וואַרפֿט ער איהם אין דער שאול תּחתּיה אַריין... באַלד ווי זיין קאָררעספּאָנדענציע איז נאָר געווען אָבגעדרוקט אין בלאַט, אַזוי האָט ער זיך אַוועק געזעצט און האָט אָנגעשריבען אַ בריעף אין דער רעדאַקציע מיט אַ טענה; ערשטענס פֿאַר וואָס האָט מען אַזוי שטאַרק פֿערקירצט די קאָררעספּאָנדענציע זיינע, וואָס נאָך זיין שכל קומט אויס אַז זי איז דאַכט זיך אַזוי נייטיג ווי אַנדערע קאָררעספּאָנדענציעס? והשנית וואָס האָט די רעדאַקציע געזשאַלעוועט אַרויסשטעלען דעם נאָמען זיינעם איננאַנצען? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ „ש"? „ש" קאָן מאַכען אי שמעריל, אי שכנא, אי שניאור, אי שעפּסיל, אי שרגא, אי שלים־מזל אי שוטה בן פּיקהאָלץ און אפשר נאָך ערגערס דערפֿון אויך!... לכן בעט ער די רעדאַקציע זאָל למען השם אַרויסשטעלען דעם גאַנצען נאָמען זיינעם שמעיה בן פּדהצור, און אויך די

מלחמה צווישען די עסטרייכישע נאציאנען ווערט וואס ווייטער אליץ מעהר פערשארפט, און די לאגע פון דער רעגירונג איז דורך די גערעכטע און קלוגע פאליטיק פון דעם עסטרייכישען מיניסטעריום דערווייל נאך ניט פערגרינגערט געווארען.

די ניי ענטשטאנענע פוילישע בעוועגונג אין פרייסען רופט וואס ווייטער ארויס אליץ שארפערע מיטלען געגען די פאליאקען. די פרייסישע רעגירונג טרייבט איצט אלע ווילע ארויס נייע אויסלענדישע פאליאקען, וואס וואהנען אין פרייסען. זי רודפט די פוילישע צייטונגען.

די פרייסישע רעגירונג האט אויך פערבאטען אויף אסיפות צו רעדען אויף פויליש, זי נויט אויך איצט אז די פאליאקען זאלען שרייבען זייערע פאמיליעס נאך דעם דייטשען דקדוק און ניט נאך דעם פוילישען א. ז. וו.

די פאליאקען זעהען איצט איין, אז מיט דער העטצע, וואס זיי האבען אנגעהויבען געגען דייטשלאנד, האבען זיי זיך נור א רעה געטהון, און די אנגעזעהענע פרייסישע פאליאקען סטארען זיך איצט איינצורוהען דאס פאלק. נאר די פרייסען פערשטעהען ניט קיין חכמות, און די פאליאקען אין פרייסען וועלען געוויס זעהר פיעל פערלירען דורך די שארפקייט, מיט וועלכער זיי זענען ארויסגעטרעטען געגען די דייטשע רעגירונג.

י. ל.

# פון יודישען לעבען אין אדעס.

(צווייטער בריעף).

פון וואנען לעבען אדעסער יודען? וואס איז זייער הויפטבעשעפטיגונג, פון וואס איז זייערע פרנסות?

מעהר ווי א העלפט אדעסער יודען בעשעפטיגען זיך מיט מסחר, מיט קויפען און פערקויפען, מיט האווענען און בארגען... מסחר — איז די „לעבענסקוועלע" פון דעם רוב יודישע איינוואהנער אין אדעס, ווער עס געניסט פון די קוועלע מיט א פולער מאס און ווער עס בעקומט פון איהר נור א קארגען טראפען. טויזענדער יודישע הענדלער, קרעמער, אגענטען, און טויזענדער משרתים, פריקאשטשיקעס און טאג־ארבייטער האבען זייער פרנסה און חיונה פון אדעסער מסחר. די ערשטע לעבען דאס רוב רייך, בהרחבה, די צווייטע — קארג און ארים, ווי עס פיהרט זיך אין פיעל אנדערע מסחר־שטעדט. דער בעוואוסטער כלל — אז וואס קלענער איז די שכירות פון געדונגענעם מענשען, פריקאשטשיק, איז אליץ גרעסער דאס פערדינסט פון בעל־הבית — איז זיך געוועהנטליך נוהג אויך אין אדעסער מסחר־וועלט. און די יודישע סוחרים, דערהויפט קרעמער סטארען זיך מיט אלע כחות ניט עובר צו זיין חלילה אויף אזא מין „געזעטץ", וואס איז אנגענומען אין דער גאנצער וועלט...

אדעס איז א גרויסער האנדעל־פונקט, פון די גרעסטע אין רוסלאנד. אדעס האנדעלט מיט'ן געגענד ארום, מיט גאנץ דרום־רוסלאנד, אויך מיט קרים, קאווקאז, אויסלאנד, דערהויפט מזרח־לענדער. אדעס אליין, אלס א גרויסע שטאדט מיט א האלב מיליאן איינוואהנער, איז א גרויסער האנדעלס־צענטר פאר פערשידענע סחורות און פראדוקטען פון פיעל נאהענטע און ווייטע שטעדט. צעהנדליגע טויזענדער פוד סחורה מיט דער באהן און מיט'ן וואסער קומען אן טעגליך אויפ'ן אדעסער מארק. און אדעס שלינגט דאס איין און ווערט דאך ניט זאט, און זוכט יעדען טאג נייע סחורה, נייע ארטיקלען.

דער אריינפיהר־האנדעל (אימפארט) פון אויסלאנד אין אדעס

---

נעמען פון טשלענעם זאל מען ארויסשטעלען אלע, איטליכען בעזונדער פונקט על פי סדר און אונטען איז נעגאנגען איין „עיקר שכחתי", אז דאס וואס ער האט דורכגעלאזט אין דער ערשטער קארעספאנדענציע איינעם א טשלען יצחק־יענקיל איז דאס געוועזען על פי טעות, ער האט דערמיט נישט געמיינט חלילה קיינעם נוגע בכבוד זיין; יצחק יענקיל איז ברוך השם אזא טשלען וואס האט ליעב אלע מאל אויף אלע אסיפות זיין אויבען אין מזרח וואנד, און דוקא נאהנט צום פרעזידענט, קאן ער דערפאר ווערען רעכט ברוגז; וואס טויג איהם אומזיסטע שונאים?... און נאך אסך נייטיגע זאכען האט שמעיה בעשריבען אין זיין בריעף און האט ארויסגעקוקט, לאנג ארויסגעקוקט און נישט אנגעוואהרען דעם בטחון, ער האט געגלויבט אז ניט היינט איז מארגען עס מוז זיין געדרוקט אין בלאט!

ארויסקוקען און האפען איז בכלל א יודישע זאך, נאר די כתריליווקער יודען — די זענען אין דעם די ערשטע אין דער וועלט, זיי מעגען דערויף אבגעבען קאנצערט; און צווישען אלע כתריליווקער איז אין דעם ענין פון אמונה און בטחון שמעיה דער ערשטער, אויף אלסדינג איז איהם בעשערט ער זאל בעדארפען ארויסקוקען אזוי לאנג ביז די אויגען זאלען איהם שונאי ציון ארויס קריכען ווארטענדיג. גרינג טאר איהם נישט אנקומען קיין זאך אין דער וועלט. אזוי ווי מיט דער קארעספאנדענציע אזוי איז געוועזען מיט דער אקציע, וואס ער האט גענומען אויף זיך אויסשרייבען פאר די כתריליווקער ציוניסטען. ס'איז גרינג אויסצורעדען „אויסשרייבען איין אקציע". ווי קומט די קאץ איבער'ן וואסער, אז יודען ליגען ערגיץ פערשטעקט אין א לאך אין כתריליווקע, און די יודישע באנק איז ערגיץ ווייס איך וואו, אין לאנדאן? האט זיך אנגעהויבען א חתונה: בריווליך, בריווליך אהין, בריווליך אהער שמעיה דער סעקרעטאר און דער קארעספאנדענט פון די כתריליווקער ציוניסטען, האט זיך אבגעשריבען, ווי מע זאגט, אלע פינגער ביז ער האט בעקומען א קלאהרע ידיעה, וואהין און ווי אזוי מע בעדארף שיקען דאס געלד. נאכדעם, אז ער האט שוין גוט גע־

וואוסט וואהין און ווי אזוי מע בעדארף שיקען דאס געלד, האט ער געהאט אויף זיך א נייעס אומגליק, דעם כתריליווקער פאסטמייסטער. דער כתריליווקער פאסטמייסטער, א גראבער פריץ, און א גרויסער מפונק, קאן נישט איבערטראגען דעם ריח פון קנאבעל (האטש קנאבעל ביים עסען האט ער אליין ליעב דאס חיות!) אז עס קומען אריין צוויי איבריגע יודען אויף דער פאסט, האלט ער זיך ביי דער נאז, שרייבט אין לייענט:

— שלום.. שליאמקא... טשעכנאק...

אז שמעיה האט איהם דערלאנגט דעם פאקעט, האט ער איהם א שמיץ געטהון צוריק אין פנים אריין: ס'איז ניט אזוי געשריבען דער קאנווערט ווי מע בעדארף. דאס אנדערע מאל האט ער איהם א שמיץ געטהון אין פנים אריין: ער זאל געהן ברייננען טריוואכם. דאס דריטע מאל האט ער שוין נישט געהאט צו וואס זיך צו טשעפען, האט ער בעטראכט דעם פאקעט פון אלע זייטען, גענומען שמעלצען דעם טריעף און לייגען חתימות און בשעת מעשה א פרעג געטהון שמעיה'ן, נישט קוקענדיג איהם אין פנים אריין: „וואס פאר נעשעפטען האט ער מיט לאנדאן, וואס ער שיקט אהין געלד?" האט זיך אונזער שמעיה קארעספאנדענט אפנים ארויסגעחאפט, צי אפשר האט ער געוואלט זיך בעריהמען פאר'ן פאסטמייסטער (אלע קארעספאנדענטען זענען גרויסע בעריהמער!):

— דאס געלד — מאכט ער — געהט גלייך אין אונזער יודישער באנק אריין...

האט דער פאסטמייסטער א קוק געטהון אויף שמעיה'ן ווי פערחדושט:

— זשידאווסקע באנק? ווי קומט צו יודען א באנק?

איז זיך מישב שמעיה, אז דו ביזט יא אזא צורר היהודים, וועל איך דיר ווייזען וואס הייסט „זשידאווסקע באנק"! און געהט און דערצעהלט איהם פזמונות מיט גוזמאות (אלע קארעספאנדענטען האבען ליעב מגזם זיין!), אז די יודישע באנק איז די ערשטע באנק אין דער וועלט. זי פער־

דער אבזאטץ. דער ריוח מאכט ניט אזוי אויס. דערהויפט עס זאל קלאפען די מאשינע, עס זאל זיך דרעהען דאס רעדיל, עס זאל חלילה ניט פלאצען די סטרונע... אזעלכע קראמען ארבייטען דאס רוב זעהר פיעל, א קונה אריין, א קונה ארויס. עס קלינגען די דרייערס, עס רווישען די טהירען פון 7 פריה־מארגענס ביז 11—12 ביי נאכט, די פריקאשטשיקעס בלייבען אהן געזונד, אהן כחות, האבען ניט קיין רוה, קיין ליידיגע שעה — און דער בעל־הבית שעפט נחת... נאך א שעה לייזונג — נאך א קערביל אדער צוויי ריוח, און אז ס'קומט צו, קומט ניט אב. איי מען שלאפט וועניג, מען געניסט ניט פון לעבען — נארישקייטען: דער מילנער רוהט, ווען די מיהל קלאפט, און דער קרעמער „לעבט" ווען די קראם איז אפען... א יודישער סוחר האט ליעב, אז זיין עסק זאל שטענדיג קאכען און רווישען. עס דארף לעבען, מען דארף כסדר לייזען, בייטען, האנדלען, צאהלען, האווענען... דאס ניט חיות, דאס גיט מוטה און ענערגיע. אלע נערווען ארבייטען, אלע ביינער „האנדלען", אלע מחשבות און געפיהלען זענען אוועק אין עסק — אט דאס איז א לעבען, א אמת'עס לעבען. א יודישער סוחר זוכט ניט א געשעפט וואס שטילער, רוהיגער, פרייער, נאר אדרבא וואס מעהר טומעל מיט רויך, וואס מעהר רעש מיט געפילדער — „אין א שטורם־ווינד געפינט ער זיין מנוחה"...

האט דער סוחר מנוחה צי ניט — דאס איז ניט אונזער זאך. ווען דער „בעל־הבית" וואלט נור וועלען אביסיל אויסרוהען דעם מח מיט'ן כח, אביסיל אראבווארפען פון זיך דעם יאך, וואלט ער דאס געקענט בכבוד האבען. איז אביסיל קלענער דער פדיון — איז אביסיל קארגער דאס פערדינסט. די גאנצע וועלט קען מען סיי ווי סיי ניט אריינחאפען. דער בעל־הבית איז דאך אויף זיין רוהע־צייט אויך א בעל־הבית. אז ער וויל מאכט ער זי לענגער, אז ניט — מאכט ער זי קירצער, און קיינער קען איהם ניט זאגען א דעה.

אבער וואס איז מיט די משרתים, מיט די פריקאשטשיקעס אין די יודישע מאגאזינען, מיט די אלע טויזענדער „פערקויפטע קנעכט", וועלכע געהערען ניט צו זיך, נאר צום בעל־הבית? האבען זיי חאטש א שטיקיל מנוחה, חאטש איין פרייע שעה אין טאג, וועלכע עס זאל געהערען אין גאנצען זיי אליין אויף זייערע אייגענע הצטרכות און אויף וועלכע דער בעל־הבית זאל קיין שליטה ניט האבען? אז זיי אליין ווילען האבען מעהר רוה און מעהר פרייהייט, איז נאך וועניג. דערצו מוז נאך מסכים זיין דער בעל־הבית, און אויף אזעלכע גוטהערציגע הסכמות פון א בעל־הבית איז נאך לאנג צו ווארטען...

יודישע פריקאשטשיקעס אין אדעס זענען דא זעהר פיעל, ביז 12—13 טויזענד מענשען. דאס רוב זענען זיי „פרעמדע", געקומענע אין אדעס פון אנדערע שטעדט זוכען פערדינסט און ברויט. ניט אלע זענען געקומען צו א תכלית — ניט אלע האבען בעקומען שטעלען. פיעלע געהען ארום איבער די גאסען מיט ליידיגע הענד, מיט פערביטערטע הערצער, פערדאגה'טע, פערקימערטע — אין חדשים גאנצע ווי זיי זוכען א שטעלע, און אומזיסט זייער מיה, אומעטום הערען זיי דיזעלבע תשובה: „מען דארף נישט"... אפילו די וואס עס האט זיי שוין בעגליקט און האבען שוין בעקומען ארבייט אין מאגאזינען— האבען זיי אויך א קליינעס גליק געחאפט. די לאגע פון יודישע פריקאשטשיקעס אין די יודישע געשעפטען איז זעהר א שלעכטע. געהאלט איז א קליינע, קוים, קוים אויף מיטעלס־לעבען, אויף די נויטהיגסטע הוצאות. ניט לאנג האט איין אדעסער צייטונג אויסגערעכנט אין פראצענטען די גרויס פון דעם פערדינסט פון אדעסער

---

נור אבשטעמפלען. ער האט זיך מיט'ן בריעף ארומגעטראגען איבער דער גאנצער שטאדט, ווי מיט איין אבן טוב! דאס ווארט „אבשטעמפלען" האט ארויסגערופען א גאנצע חאלעבוררע: דער האט געזאגט ס'איז א מעלה, דער האט געזאגט ס'איז א חסרון; אבגעשטעמפעלט הייסט געליינט א חתימה און וְשָׁם תִּקָּבֵר, כדומה למשל ווי מע שטעמפעלט אב אלטע אסיגנאציעס, וואס נעהן שוין נישט. — בְּהֵמָה! — ענטפערט א'הם דער אנדערער — פונקט דער היפך: געשטעמפעלט הייסט צוגעליינט א חתימה, אז די אקציע זאל זיין א מטבע, עובר לסוחר.—

עס ווענדעט זיך, ווי אזוי סע שטעהט אין בריעף — מישט זיך אריין א דריטער — „שטעמפלען", צי „אבשטעמפלען"?

— שטעמפלען, אבשטעמפלען— זאגט נאך איינער — אבי לאז זי שוין אנקומען! לאמיר זי שוין דערלעבען זעהען אמאל די אקציע דיינע!... (די דאזיגע ווערטער זענען געזאגט געווארען צום סעקרעטאר, גלייך ווי ער האט זיי אנגעהאנגען חלילה מיט גוואלד זיי זאלען אויסשרייבען איין אקציע).

— וואס עפּים מיין אקציע? — האט ער געטענה'ט— ס'איז אונזער אלעמענס אקציע!

— עס רעדט זיך אזוי— זאגען זיי — מיר האבען דען חלילה צו דיר טענות? גלאט אזוי, מע רעדט, רעדט מען...

עס איז ווידער אוועקגעגאנגען א חודש און צוויי חדשים און דריי חדשים און פיער חדשים — נישטא קיין אקציע! האבען חברה גענומען עסען דעם סעקרעטאר: וואו איז דיין אקציע? נאך שטעמפעלט מען זי?... און האבען איהם ניט געזשאלעוועט קיין שטעכווערטליך, ווי דער שטיינער איז; איהם נעבאך איז דאס שטעמפלען גוט געלעגען אין הארצען, נאך מעהר ווי די אקציע אליין; ער האט פונ'ם שטעמפלען שיעור געשפונען מיט בלוט, האט ער פערקאטשעט די ארבעל און האט זיך גענומען איבער־

נייעס שרייבען בריוולעך בְּכָל תְּפוּצוֹת יִשְׂרָאֵל. „הֲיִתָּכֵן? — האט ער געשריבען — הֲיִשָּׁמַע כָּזֹאת, מע זאל אזוי לאנג האלטען איין אקציע און שטעמפלען זי? מע זאל זי דאכט מיר בעדארפען אבשטעמפלען מיט צעהנטויזענד שטעמפלען וואלט זי שוין אויך בעדארפט זיין לאנג אבגעשטעמפעלט!"... און דער חברה ציוניסטען האט ער געזאגט אלע טאג:

— ממה נפשך, איהר האט געווארט אזוי פיעל, וועט איהר ווארטען נאך א ביסיל; אזוי לאנג ווי עס האט געדויערט, וועט שוין געוויס ניט געדויערען...

כָּךְ הֲוָה, עס האט נישט געדויערט קיין נייען חדשים אפילו פון זינט מע האט געשטעמפעלט, איז אנגעקומען א פאקעט אויף רב יוזיפיל דעם רב'ס נאמען (אונזער קאררעספאנדענט האט נישט געוואלט האבען צוטהון מיט'ן פאסטמייסטער). און אז ס'איז אנגעקומען דער פאקעט האט ער צענויפגערופען איין אסיפה פון אלע טשלענעס טאקי ביי רב יוזיפיל דעם רב אין שטוב, מחמת רב יוזיפיל דער רב, חאטש ער איז איין עהרליכער יוד, א פרומער, פון דעסטוועגען איז ער נישט קיין מתנגד קעגען ציוניזם ווי אנדערע עהרליכע פרומע יודען... רב יוזיפיל געהט מיט דעם גאנג, אז ווי באלד א יודישע זאך, איז דאס א מצוה, ובפרט נאך אזא זאך ווי ציון; און „ווי קאן דען א יוד — זאגט ער — זיין קעגען ציון, אז מיר דערמאנען וויפיעל מאל אין טאג דאס ווארט „ציון"? סיידען אזא יוד וואס דאווענט ניט חס ושלום און בענשט ניט?..." און בשעת מעשה טהוט רב יוזיפיל א זיפץ אויף דעם יודען, וואס דאווענט ניט און בענשט ניט און האלט ניט פון ציון.

געעפענט די אסיפה האט געוויינטליך דער פרעזידענט נח, נאר אהן א שום רעדע, מחמת דער עולם... איז געקומען נישט הערען, נאר קוקען, אנקוקען די יודישע אקציע פון „אונזער איינענער יודישער באנק". און אזוי ווי אלע יודען, און בתריליווקער יודען אודאי און אודאי, האבען

פריקאשטשיקעס, ווי יודישע אזוי ניט יודישע. זעהר טרויעריגע ציפער האבען זיך בעקומען, נור מיוחסים — איינצעלנע מענשען בעקומען שכירות מעהר ווי 100 רובל א חדש. געוועהנליכע פשוטע פריקאשטשיקעס בעקומען נור 40 — 50 רובעל א חדש, 33 פראצ. בעקומען פון 5 ביז 15 רובעל א חדש — 51 פראצ. פון 15 ביז 40 רובעל — 8 פראצ. פון 40 ביז 75 רובעל — 5% פון 75 ביז 100 רובעל און נור 3% פון 100 ביז 125 רובעל א חדש... פאלגליך מעהר ווי 3/4 פריקאשטשיקעס בעקומען זעהר קארגע געהאלטי קארג אפילו אויף די נשמה אונטערצוהאלטען.

די ארבייט־צייט איז שרעקליך גרויס — פון גאנץ פריה ביז שפעט אין דער נאכט. פיעל קראמען, דערהויפט אויף אלעכסנדראווסקע פראספעקט און ארנאאוטסקי גאס, פערמאכען זיך ארום 12 א זייגער ביי נאכט. די שטאדט איז גרויס און דער ארימער פריקאשטשיק וואהנט געוועהנליך אין א זייט שטאדט — וואו א דירה קאסט ביליגער. בעת ער קומט אהיים איז שוין ווייט נאך האלבערנאכט. נאך 16—17 שעה ארבייט, לויפען, קריכען קומט מען שרעקליך מיעד, צובראכען, צושלאגען און קוים מען פאלט שלאפען. חאטש עטוואס אויסרוהען די אנגעהארוועטע גליעדער — חאטש עטוואס אבפרישען די אויסגעמאטערטע כחות. מארגען גאנץ פריה פון דאס ניי ד „קאטארגע", ווידער א גאנצען טאג מעסטען, וועגען, לויפען און טומלען און ווידער קומען אהיים האלבע נאכט. צוקלאפט, צושלאגען, אהן כחות, אהן געזונד, מיט א פוסטען מח, מיט א אנגעוועהטיגטען הארץ — און אזוי וועט זיין אויך איבערמארגען און אין א וואך ארום און ווייטער און ווייטער, ביז וואנען עס וועט נעהמען „א ענדע פון נאריש ליעדיל"...

שבת און יום־טוב איז אויך קיין מנוחה ניטא. דאס רוב יודישע געשעפטען אין אדעס זענען אפען שבת און יום־טוב. ניט חלילה דערפאר, ווייל יודישע סוחרים זענען געווארען פריידענקער און האלטען ניט מעהר פון די איסורים פון שבת און יום־טוב. ניין, זיי זענען דיזעלבע „דענקער" ווי א מאל — נאר די סוחר׳שע נשמה איז געווארען א גרעסערע, דער קרעמערשער גייסט האט זיך ענטוויקעלט און מען ווייס ניט קיין שעור אין האנדלען און מען זעהט ניט קיין ברעג אין האוועגען... זונטאג און אין די רוסישע יום־טובים זענען די געשעפטען אפען „על פי דין" ביז 3 א זייגער ביי טאג. אבער ווער לעבט דאס היינטיגע צייטען מיט׳ן „דין"... אז מען קען לעבען מיט „רחמים", וועלכע מען בעקומט פאר א קליינע מטבע פון קווארטאלנעם. און מע האלט טאקע אפען אין די קריסטליכע יו"ט די געשעפטען פיעל שפעטער ווי עס פאדערט זיך.

גאר די צייט, כמעט דאס גאנצע לעבען נעמט צו ביי דעם פריקאשטשיק דער בעל־הבית. עס בלייבט איהם אפילו איין פרייע מינוט ניט צו לעזען, צו בילדען זיך אדער צו פערברייגנען מיט א קינד. דער פאטער איז פרעמד צו זיינע קינדער, די קינדער זעהען גאר ניט אן זייער פאטער... פאריגעס יאהר האט א פריקאשטשיק בעשריבען אין „יוזשנע אבאזרעניע" די פערחושכ׳טע לאגע פון פריקאשטשיקעס. דאס הארץ מיינס צורייסט זיך אויף שטיקער — שרייבט ער צום סוף — אז איך דערמאן זיך, ווי פרעמד איך בין מיינע קינדער. די פרוי מיינע זאגט צום פיעריאהריגען יונגיל אונזערען — געה קינד מיינס, צו פאפא, ער וועט דיר געבען א קאפיקע, געה. און דאס קינד ריהרט זיך ניט פון ארט. דאס קינד האט מורא — עס קען מיך גאר ניט, איך בין פאר איהם גאר פרעמד"...

---

אומעטום און אלע מאל קיין צייט ניט און איטליכער וויל תמיד זיין דער ערשטער, איז קיין חדוש ניט וואס מע האט זיך געשטופט און געקוועטשט איינס דאס אנדערע, געקראכען איינער דעם אנדערען אויף די קעפ, געריסען איינער ביים אנדערען פון די הענד און בעטראכט די יודישע אקציע פון „אונזער אייגענער יודישער באנק", די כתריליוועקער יודען האבען זיך נאר זאט נישט געקענט אנקוקען אן איהר. וואס מעהר זיי האבען געקוקט האבען זיי אלץ מעהר ארויסגעזעהען.

— אט איז די „כותל מערבי", ועהסט דו? אט דא אויף דעם ארט איז אמאל געשטאנען דאס בית המקדש...

— אן געהען יודען, אקערען און זייען דאס היילינגע לאנד... איך וואלט זיך מיט זיי געביטען אויף מיין קלייטיל.

— טאקי?

— ווי איך בין א יוד!

— סנאפעם! תבואה! דו זעהסט? מע טראגט סנאפעם!...

— וואסערע סנאפעם? בהמה! וויינטרויבען איז בעסער!

— וויינטרויבען אחוץ און סנאפעם אחוץ!...

לאנג־לאנג האבען די כתריליוועקער ציוניסטען זיך געשפיגעלט אין דער יודישער אקציע פון „אונזער אייגענער יודישער באנק", תחילת געזיפצט און נאכדעם געזאגט איטליכער בעזונדער איין אנדער המצאה, געווארען עפים אביסיל פריילליכער, עפים לעבעדיגער, ליכטיגער אויף דער נשמה, ווי איינער וואס וואלגערט זיך אין דער פרעמד, בייגקט אהיים, קוקט ארויס אויף א ידיעה, און פלוצים נעמט ער אב זעהר— זעהר א גוטען גרים פון דער היים. ס׳איז— אי פריילליך, אי עס ציהט דאס הארץ; עס גליסט זיך געהן טאנצען און טאקי אביסיל זיך אויסוויינען אין איין וועגס...

שפעטער, אז דער עולם האט זיך גוט אנגעקוקט, האט רב יוזיפיל דער רב, וואס האט פיינט שטופען זיך אויבען אן, חאטש ער איז רב, א זאג געטהון:

— אנו ווייזט נאר?...

און ער האט זיך אנגעזאטעלט מיט א פאר ברילען, געקוקט, געקוקט, פאוואלינקע בעטראכט פון אלע זייטען די „יודישע אקציע פון אונזער אייגענער באנק" און דערזעהען יודישע אותיות, געדרוקט אויף לשון הקודש, האט ער אנגעטהון דאס שבת־דיגע היטיל, געמאכט א ברכה „שהחיינו", און ווידער אמאל געקוקט און געקוקט אין דער אקציע אריין, און דאס פנים האט איהם אנגעהויבען ווערען עפים ווי מרה־שחורה׳דיגער, און מע וואלט געמעגט שווערען, אז עס האבען זיך איהם געשטעלט טרעהרען אין די אויגען.

— רבי! וואס זארגט איהר זיך? — האט מען איהם א פרעג געטהון — מע בעדארף זיך פרייהען, טאנצען בעדארף מען געהן, צום סוף... ווי קומט דאס צו אייך?...

רב יוזיפיל דער רב האט נישט באלד געענטפערט. ער האט ארויסבעקומען ערגיץ פון אקעשעניע, וואס אינטען אין דער קאפאטע, כמעט ביי די פאלעס, א משונה מארנע פעטשיילע, האט אויסגעשנייצט כלומר׳שט די נאז, נאר אין אמת׳ן מיין איך אז ער האט א וויש געטהין די אויגען, און א זאג געטהון מיט א זיפץ און מיט זעהר זעהר איין אנגעבראכען קול:

— כ׳האָ מיך פערביינט אהיים...

ליינענדיג די פשוטע, נאָר הארצרייסענדע ווערטער, דערמאָן איך מיר אונזער ראָזענפעלדס שענעם ליעד „דאָס קינד“.

„די ארבייט טרייבט מיך פריה ארויס
און לאָזט מיך שפעט צוריק.
אַי — פרעמד איז מיר מיין אייגען לייב
אַי — פרעמד מיין קינדס א בליק“..

ארבייטענדיג פון 7 פריה ביז 12 אדער איינס ביינאַכט איז דען אַ וואונדער, אַז די קינדער קענען ניט זייערע אומגליקליכע פערקנעכטעטע פאָטערס ?

וואָס טהוט אדעסער חברה פריקאשטשיקעס צו פערגרינגערען די ביטערע לאַגע פון די אַלע טויזענדער אומגליקליכע „קנעכט“ ? די חברה איז דאָך איינע פון די רייכסטע אין אדעס. זי האָט דאָך אַ גרונד־קאפיטאַל פון 150 טויזענד רובל, עס נעהמען דאָך אין איהר טהייל פיעל וויכטיגע מענשען ? זי וואָלט דאָך באמת געקענט, וואָס עס איז אויפצוטהון צו פערגרינגערען די אַלע שווערע „מזלות“ פון די פריקאשטשיקעס. די חברה האָט 700 מיטגליעדער. פאַר איהרע חברים טהוט זי פיעל, גיט זיי שטיצע, לייהט זיי געלד, רעקאָמענדירט זיי אויף ערטער, האָט פאַר זיי אַ שענע ביבליאָטהעק א. ד. ג. אָבער פאַר די גאַנצע קלאַסע פריקאשטשיקעס טהוט זי וועניג. די חברה „האָט בעדאַרפט סטאַרען זיך צו פערקלענערען די אַרבייט־צייט פון די אַלע טויזענדער פריקאשטשיקעס, געבען זיי אַ גאַנצען רוה־טאָג אין וואָך און גרעסער מאַכען די שכירות — זי האָט דאָס בעדאַרפט טהון, אָבער זי טהוט דאָס ניט. די סבה פון איהר „ניט טהון“ קען זיין איז די, וואָס די חברה בעשטעהט מעהרסטענס פון קליינע קרעמער, בעל־בתים, בוכהאַלטערען, אַגענטען און פריקאשטשיקעס — אַריסטאָקראַטען, אמת׳ע פריקאשטשיקעס, וואָס זייער לעבען האָבען מיר דאָ בעריהרט, זענען דאָרטען דאָ זעהר וועניג — אפשר 15—20 פראָצענט. דעריבער דערגעהען זיי זעהר וועניג צום הארצען די אַלע צרות און יסורים פון די קליינינקע און שוואַכענקע פריקאשטשיקעס, וועלכע האָבען ניט אין חברה קיין פאַרשטעהער...

פאַר די קליינע פריקאשטשיקעס איז די חברה אַ שענעס הויז מיט פערשלאָסענע טהירען. כדי אַנצוקומען פאַר אַ חבר, מוז מען צאָהלען יעהרליך 12 רובעל, אויסער דעם דאַרף מען דאָס ערשטע מאָל איינצאָהלען „הכנסה־געלד“ 25 רובל — און קען דען דער קליינער פריקאשטשיק צאָהלען אַזאַ גרויסען „נאַלאָג“ ?...

די קליינע פריקאשטשיקעס דאַרפען גרינדען אין אדעס אַ נייע חברה מיט ברייטערע טהירען אַריינצוגעהן, מיט אַ ביליגערען יאָהר־געצאָהלט, כדי אַלע קליינע און שוואַכע פריקאשטשיקעס זאָלען קענען אַריינגענומען ווערען אין חברה. נור דורך „זעלבסט־הילף“ וועלען זיי קענען פערבעסערען זייער שווערע און צרה׳דיגע לאַגע...

מ ע נ ד ל  ל ע ו ו י ן.

---

## א. ש. פריעדבערג.

פרייטאַג י״ב אדר ב׳ איז אין וואַרשאַ געוועזען אברהם שלום פריעדבערג׳ס לויה.

ווען איך זאָל זיין אַ פרעמדער און ניט וויסען, וועמעס לויה עס איז, וואָלט איך געווים גערעכענט, אַז דאָס איז אַ לויה פון אַ יודישען באַנקיר, אַ פאָדראַטשיק אָדער גלאַט אַזוי אַ גביר. נאָר אַזאַ גרויסע לויה ביי אַ יודישען שרייבער זעה איך דאָס ערשטע מאָל, חאָטש אין מיין לעבען איז מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען צו בעגלייטען אויף דעם הייליגען אָרט מ׳ינע חבו׳ים — יודישע שרייבער.

און ניט איינער פון די פאַרבייגעהער אויף די וואַרשעווער גאַסען האָט זיך אָבגעשטעלט און זיך געוואונדערט, וואָס אַ יודישער שרייבער, וועלכער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין פערמעגען, האָט אַזאַ גרויסע לויה.

נאָך פריהער, איידער מען האָט אַרויסגעטראָגען דעם מת, איז די גאַנצע גאַס פון די צווייטע גאַליעווקעס, פון מאַראַנאָוו ביז גענשע, געוועזען שוואַרץ פון מענשען. צווישען דעם גרויסען עולם האָט זיך געפונ׳ן די גאַנצע פערוואַלטונג און מיטגלידער פון די חברות „יודישע לעהרער“ און „אַחיעזער“, וואו דער געשטאָרבענער האָט זיך גערעכענט פאַר אַ חבר. אלע מיטאַרבייטער פון דער רעדאַקציע „הצפירה“, אלע מיטאַרבייטער פון „יוד“, און מיטאַרבייטער פון די חברות „אחיאסף“ און „תושיה“, אַלע יודישע ליטעראַטען, וועלכע וואָהנען אין וואַרשא, יודישע בוכהענדלער, דרוקער, זעצער און ליעבהאַבער פון דער העברעאישער ליטעראַטור, גוטע פריינד און בעקאַנטע און פיעל פון זיינע געוועזענע תלמידים, כמעט אַלע גראָדנער יודען, וואָס וואָהנען אין וואַרשאַ, זענען געקומען זיך געזעגענען מיט זייער בן־עיר.

בערך 3 דעם זייגער, האָבען ליטעראַטען און שעטצער פון זיין שרייבען אַרויסגעטראָ:ען דעם מת פון זיין וואָהנונג ביז דעם וואַגען. פאַר דעם וואַגען זענען געגאַנגען די שילער פון מייזעלס שולע, וואו אברהם שלום איז געוועזען לעהרער. נאָך דעם וואַגען האָט דער גרויסער עולם בעגלייט דעם מת ביז אין הייליגען אָרט.

אַ גרויסער טהייל פון דעם עולם איז געבליבען אויף דעם הייליגען אָרט ביז צו ענדע דער קבורה.

נאָך דעם מטהר זיין האָט ה׳ שפ״ר אַלס חבר פון די יונגע יאָהרען געמאַכט אַ הספד, ער האָט מעהר געוויינט ווי גערעדט איבער זיין חבר, מיט וועלכען ער האָט צוזאַמען פיעל יאָהרען געאַרבעט.

דער רעדאַקטאָר פון הצפירה, ה׳ סאָקאָלאָוו, האָט געהאַלטען אַ הספד אויף העברעאיש, ער האָט בעקלאָגט דעם גרויסען שאַדען פאַר די העברעאישער ליטעראַטור. „צווישען יודען — האָט ער געזאָגט — זענען נאָך וועניג דאָ אַזוינע, וואָס זאָלען וויסען ווי אַזוי צו שעטצען און ליעבען די העברעאישע שפראַך, נאָר עס וועט נאָך קומען אַ צייט, אַז די צאָהל פון שעטצער פון דער העברעאישער ליטעראַטור וועט זיך פערגרעסערען, און דאַן וועלען יודען אויך וויסען ווי צו שעטצען אברהם שלום פריעדבערג.

ה׳ מ. פרייד האָט אין קורצע ווערטער דערמאַנט, ווי מאפו׳ס תלמיד איז מיט לייב און לעבען געוועזען איבערגעגעבען דער העברעאישער ליטעראַטור.

דערנאָך האָט מען דעם מת געטראָגען צו דער קבורה און דאָרט ביים אָפענעם קבר האָבען בעקלאָגט דעם גרויסען שאַדען ד״ר הינדעס און סטודענט סירקין.

ניך האָבען די לאָפּיטעס ערד זיך געהערט שיטען, ביז עס איז געוואָרען אַ פרישע בערגיל, זיינע זיהן האָבען געזאָגט קדיש און דער עולם איז זיך צוגאַנגען פון דעם בית הקברות.

63 יאָהר האָט דער מענש געלעבט. תנצב״ה.

בשעת עס זענען געווען די טרויריגע אַנטיסעמיטישע אונאָרדענונגען אין אָ ד ע נ ו ו א ל ד, האָט דער אויבער־פּראָקוראָר ש ל י פּ פּ ע ר ארויסגעגעבען א צירקולאַר, וועלכער מאַכט אויפמערקזאַם אויף די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע און פּערלאַנגט, אַז מען זאָל נישט צולאָזען קיין שום אונרוהען, דער מיניסטער נעהמט אויף זיך אויך איצט די פֿעראַנטוואָרטליכקייט פֿאַר דעם דאָזיגען צירקולאַר. די פּאַלאַטע האָט מסכים געווען צו די ערקלערונגען פֿון מיניסטער.

— די „פ ר א נ ק פ ו ר ט ע ר צ י י ט ו נ ג איז מודיע, אַז דער רומענישער סענאַט האָט אָנגענומען דעם פּראָיעקט פֿון די האַנדווערקער־סטאַטוטען. לויט די נייע סטאַטוטען קאָן זיך בילדען אין יעדער שטאָדט, וואו עס געפינען זיך 50 בעלי־מלאכות רומענער פֿון איין האַנדווערק — א פֿעראיין, וועלכער בעקומט בעזונדערע רעכטע. אָהן די ערלויבעניש פֿון פֿעראיין טאָר מען נישט עפֿענען קיין נייע ווארשטאַט. „אויסלענדער", ד. ה. יודען מעגען זיך פֿערנעהמען מיט א מלאכה נישט אַנדערש ווו אין פֿאַל, אויב זיי שטעלען צו איין אטעסטאַט, אַז אין זייער „היים" מעגען זיך רומענער אויך פֿערנעהמען מיט מלאכות. די רומענישע יודען האָבען נאַטירליך נישט קיין אַנדער „היים" ווי רומעניען, און זיי קענען דערום נישט צושטעלען אַזעלכע אטעסטאַטען.

לויט די דאָזיגע תקנות האָבען די רומענער דעם פֿאָרצוג פֿאַר אויסלענדער ביי אָננעהמען פּאדריאַדען פֿון דער רעגירונג, אַפילו אין דעם פֿאַל, ווען זיי פֿערלאַנגען מיט 5 פּראָצענט טהייערער ווי די אויסלענדער.

— דער סענאַט האָט ערקלערט, אַז דער אַרטיקעל 159 וועגען פֿערשיקטע, וועלכער אַסרט יודען צו וואָהנען אין מרחק פֿון 100 ווערסט פֿון דער חינעזישער גרעניץ, איז נוגע נור פֿערשיקטע יודען, אָבער נישט אַנדערע, וועלכע האָבען דאָס רעכט צו וואָהנען אין סיביר.

*

## יודישע געמיינדען.

— דעם 23־סטען פֿעברואַר איז געווען אין בערלין די 9־טע פֿערזאַמלונג פֿון די דייטש־יודישע געמיינדען. דער פֿעראיין פֿון יודישע ראַבינער האָט פֿאָרגעשטעלט דער פֿערזאַמלונג א רעזאָלוציאָן, וועלכע האָט דעם צוועק צו הויבען דעם כבוד פֿון די ראַבינער. די רעזאָלוציאָן ענטהאַלט פֿאָלגענדע פונקטען: 1) אַז בשעת עס ווערען בעקלערט אין די געמיינדען רעליגיעזע פֿראַגען, זאָל מען איינלאַדען צו זיי ראַבינער, 2) אַז נאָכדעם ווי די ראַבינער דיענען 3 יאָהר אין דער געמיינדע, זאָל זיי ווערען בעשטימט צו זיין ראַבינער אויפ'ן גאַנצען לעבען; 3) אַז כדי אַכטונג צו געבען אויף די רעליגיעזע אינטערעסען פֿון דער געמיינדע און צו פֿערבעסערען דאָס לערנען פֿון יודישען דת, דאַרף ווערען געזעצט א אינספעקציאָן פֿון ראַבינער. די 3 פונקטען זענען געוואָרען אָנגענומען.

— די פֿאָרשטעהער פֿון די „פֿעראייניגטע סינאַגאָגען" (United sinagogues) אין ענגלאַנד האָבען געהאַט א מהלוקת מיט די יודישע איינוואָהנער פֿון איסט־ענד, וועלכע בעשטעהען כמעט אַלע פֿון רוסישע עמיגראַנטען. די הנהגה פֿון די „פֿעראייניגטע סינאַגאָגען" האָט בעשטימט 2 נייע דיינים אין איסט־ענד— יונגע לייט, וועלכע האָבען נור וואָס געענדיגט די ראַבינער־שולע. דעם איסט־ענד זענען אָבער נישט געפֿעלען די דיינים, און זיי האָבען פֿערלאַנגט, אַז מען זאָל פֿרעגען זייער מיינונג ביי בעשטימונג פֿון דיינים. די פֿעראייניגטע סינאַגאָגען האָבען געמוזט נישט ווילענדיג נאָכגעבען דעם איסט־ענד און פֿון היינט אָן וועט אויך גילטען די דעה פֿון די יודישע רוסישע עמיגראַנטען.

*

## חברות.

— פֿון לאָנדאָן איז מען מודיע, אַז נאָכדעם ווי זאַנגוויל האָט אויפֿגעדעקט די חסרונות פֿון איניגע מיטגליעדער פֿון דער חברה יק"א'ס קאָמיטעט, האָבען זיך אייניגע לאָנדאָנער מיטגליעדער פֿון קאָמיטעט געווענדט צו דער ענגליש יודישער פֿעראייניגונג מיט אַ ביטע, אַז זי זאָל בעשטימען אויף זייער אָרט אַנדערע בעפֿאָלמעכטיגטע, נאָר דער פֿעראיין האָט זייער ביטע אָבגעזאָגט.

*

## בילדונג.

— ד"ר ל. מ י ר ק י ן האַלט אין סעוואַסטאָפּאָל פֿאָרלעזונגען וועגען יודישע געשיכטע 2 מאָל אין מאָנאַט. הערען די פֿאָרלעזונגען קומט יעדעס מאָל אַ גרויסער עולם, וועלכער איז זעהר דאַנקבאַר ה' מירקין פֿאַר זיין ניצליכע ארבייט.

— אין קעניגסבערג איז געווען איין ליטעראַרישער אַווענד, אויף וועלכען עס זענען געוואָרען פֿאָרגעלייענט ליעדער פֿון ביאַליק, פּרץ, ראָזענפעלד, וואַרשאַווסקי, פרוג א. ז. וו. דאָס פובליקום איז געווען זעהר צופֿריעדען; זיי האָבען קיינמאָל נישט גערעכענט, אַז ביי יודען זאָל עקזיסטירען אַזאַ פֿיינע ליטעראַטור.

די „קעניגסבערגער אַלגעמיינע צייטונג" האָט געגעבען זעהר אַ גוטע מיינונג וועגען אַווענד. די אָרגאַניזאַטאָרען פֿון אַווענד זענען געווען ציוניסטען.

— די „פ ר אַ נ ק פֿ ו ר ט ע ר צ י י ט ו נ ג" שרייבט: פֿאַר אונז ליגט אַ גראַמאַטיק פֿון י. סוכיאַני, וועלכע איז איינגעפיהרט אין די רומענישע מיטעל־שולען (Gramatica Romana escercitu, Bucaresci 1898). זי ענטהאַלט פֿאָלגענדע ביישפּיעלען:

„גלויב נישט דעם יוד, אַפֿילו ווען ער הויבט אַרויס די נשמה" (זייטע 11), „דער יוד עסט נישט, איידער ער האָט נישט אָבגענאַרט" (זייטע 37), „כמעט אין אַלע מאַלדאַווער דערפֿער געהערען די שענקען צו יודען, וועלכע זויגען אויס ווי די פּיאַווקעס דאָס בלוט פֿון די פּויערים א. ז. וו." (זייטע 40).

די שנאה צו יודען ווערט אַלזאָ איינגעפּלאַנצט ביי די רומענער פֿון קינדווייז אויף, און עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס זי איז דאָרט אַזוי גרויס אויסגעוואַקסען.

— אויף דער אסיפה פֿון דער אָדעסער אָבטהיילונג פֿון דער חברה צו פֿערברייטען בילדונג צווישען יודען אין רוסלאַנד, וועלכע איז געווען דעם 7־טען מערץ, האָט מען בעקלערט דעם אַנטראַג פֿון 100 חברים פֿון דער חברה, אַז מען זאָל פֿערמעהרען דאָס לערנען פֿון יודישע למודים אין די שולען, וועלכע ווערען געשטיצט דורך די חברה. דער קאָמיטעט, בעקלערענדיג אויף אייניגע זיצונגען דעם אַנטראַג, האָט געגעבען זיין בעשלוס און בעשטימט צו מאַכען איין אספה־כללית אין אַפּריל. אויף דער אספה־כללית וועט ווערען פֿאָרגעלעגט דער אַנטראַג און אויך דער ענטפֿער פֿון דעם קאָמיטעט.

— שוין לאַנג סטאַרעט זיך די שטאָדט ב ע ר ד י ט ש ע ו ו וועגען איין ערלויבניש צו עפֿענען ביי זיך א מיטעל־שולע. דער פֿריהריגער מיניסטער פֿון פֿאָלקס־בילדונג באַגאַליעפּאַוו האָט איהר אויף די ביטע אָבגעזאָגט. דאַן האָט די שטאָדט געשיקט שתדלנים קיין פּעטערבורג צו סטאַרען זיך ביים פֿינאַנצמיניסטער וועגען איין האַנדעלס־שולע. ווי מען איז איצט מודיע, איז שוין די ביטע דורכגעגאַנגען בשלום אַלע הויכע אינסטאַנצען און זי געפֿינט זיך ביי דער בערדיטשעווער אַדמיניסטראַציאָן, וועלכע דאַרף אויך געבען איהר מיינונג וועגען דער זאַך. אָבער נאָך פֿאַר־יאָהרען האָבען די בערדיטשעווער סוחרים בעשלאָסען אַרויפֿצולעגען אויף זיך א בעזונדער אָבצאָהלונג, כדי אויסצוהאַלטען די שולע. היינטיגס יאָהר האָט די אופּראַווע געאיילט זיך אויפֿצומאָהנען דעם אָבצאָהל, נישט האָבענדיג אויף דעם קיין ערלויבניש. עס האָט זיך אָבער געפֿונען איין סוחר, וועלכער האָט נישט געוואָלט צאָהלען און זיך געקלאָגט צום גובערנאַטאָר, די אופּראַווע האָט זיך געמוזט פֿערענטפֿערען, אַז זי האָט געמאָהנט דעם אָבצאָהל „על פי טעות".

*

## ציוניסטישע נייעס.

— אין ו ו י ל נ א איז כ"ה אדר א' געווען איין אסיפה פֿון פֿרומע ציוניסטען. מיט 35 דעות געגען 5 איז בעשלאָסען געוואָרען נישט צו מאַכען קיין בעזונדער פּאַרטיי, כדי זיך נישט אָבצוזונדערען אין אַלעם פֿון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, נאָר צו מאַכען א בעזונדערען גרויסען צענטראַל־פֿעראיין פֿאַר פֿרומע.

די אסיפה האָט אָנגענומען פֿאָלגענדע החלטות:

1) צו דער אַרגאַניזאַציע שטעהען צו אַלע פֿרומע ציוניסטען און אַלע, וועלכע זענען מסכים צו אונזער שיטה.

2) דאָס באַזעלער פּראָגראַם ווערט אָנגענומען אין גאַנצען.

3) אַלעס וואָס האָט אַ שייכות צו דער קאָלאָניזאַציאָן אין ארץ ישראל געהט אַריין אין אונזער אַרבייט.

4) אין אונזער פּראָגראַם קומען נישט אַריין אַזעלכע אַרבייטען, וועלכע האָבען נישט קיין אונמיטעלבאַר שייכות צו דעם ציוניזם, ווי עקאָנאָמישע און קולטורעלע פֿראַגען. יעדע אגודה קען זיך פֿערנעהמען פֿאַר זיך מיט אַזעלכע ענינים אין גייסט פֿון דער פֿרומער קלאַסע.

5) די אגודות זענען מחויב מקיים צו זיין די בעשליסע פֿון די קאָנגרעסען און צו פֿאָלגען די מורשים פֿון ראַיאָן.

6) אונזערע אגודות זענען מחויב עוסק צו זיין אין פֿערברייטונג פֿון ציוניזם, בעזונדערס צווישען די פֿרומע.

7) כדי צו פֿערברייטען דעם ציוניזם, זענען די אגודות מחויב צו שיקען מגידים און רבנים אין פֿערשיעדענע שטעדט.

8) די אויפֿגאַבע פֿון אונזער אָרגאַניזאַציע איז צו פֿערבינדען אַלע צוזאַמען און נישט אָבצוזונדערען.

9) דער חוב פֿון דעם צענטראַל־פֿעראיין איז צוציעהען צו זיך די אַלטע אגודות און צו גרינדען נייע נאָך אונזער גייסט, פֿונאַנדערצושיקען צירקולאַרען צו די אגודות, צו זאָרגען, אַז די דעלעגאַטען, וועלכע די אגודות קלויבען צום קאָנגרעס, זאָלען זיין פֿעהיג צו זייער אַרבייט און זיין אונז איבערגעבען, און אַז אין אַקציאָנס־קאָמיטעט זאָלען אַריינקומען וואָס מעהר מענשען פֿון אונזער אָרגאַניזאַציע.

10) די מיטגליעדער פֿון אונזער פֿעראיין דאַרפֿען נישט טהון עפֿענטליך קיין זאַך וועלכעס איז געגען די אמונה.

11) דער צענטראַל־פֿעראיין דאַרף זעצען א קאָמיטעט פֿון חכמים און שרייבער, וועלכער וועט 1) דורכזעהען ספרים און געבען זיין מיינונג וועגען זיי; 2) אַכטונג געבען אַז עס זאָלען זיך נישט פֿערברייטען אין דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אַזעלכע שטרעמונגען, ווי די „ספרות הצעירים" 3) צו פֿערברייטען אונזער שיטה אין דער ליטעראַטור.

12) דער צענטראַל־פֿעראיין וועט הייסען „מזרח".

עס איז אויסגעקליבען געוואָרען א קאָמיטעט אויף אַ יאָהר, וועלכער וועט פֿיהרען אַלע ענינים פֿון דעם צענטראַל־פֿעראיין, פֿון פֿאָלגענדע פערזאָנען:

עס וועהען די פאהנעס, עס רוישט די מוזיק:
„מיר קעהרען פון שרעקליכען גלות צוריק, —
ס'איז ווידער דאס לאנד שוין דאס אלטע ערוואכט
עס גלאנצט אוי, עס בלישצעט פול לעבען און פראכט.
עס וואכט שוין אויף ווידער דער לבנון, דער וואלד,
וואס שלאפט ווי פערשטיינערט צוויי טויזענד יאהר באלד,
ער ציעהט זיך אן ווידער זיין הערליגעס קלייד
און שאקעלט זיין קאפ, און ציטערט פאר פרייד.
עס פוצט זיך דער כרמל, דער חרמון און שניר
אין אלערליי בלומען פון צויבערקאליער;
ס'רוישט מונטער דעם ירדנ'ס העלבלויע וועל,
ווי אויף דעם הר תבור די פלינקע גאזעל, —
און אלעס דארט פרעהט זיך, און אלעס דארט זינגט:
ס'האט ווידער דאס יודישע פאלק זיך פעראייניגט!" — — —

עס וועהען די פאהנעס, עס רוישט די מוזיק —
ווי קורץ איז געווען, אך, מיין הימלישעס גליק!
פון שלאף בין איך פלוצלינג, כ'ווייס ניט ווי, ערוואכט:
ס'איז שרעקליכע, פינסטערע, ווילד וויסטע נאכט,
ס'איז מורא'דיג איינזאם ארום און ארום,
און ווי אין א קבר אזוי שטיל, אזוי שטום;
א הייזעריגער גרילכעל נור ערגיץ וואי גרילט — —
א גאט! ווען וועט ווערען מיין חלום ערפילט?...

י"ל ברוכאוויטש.

---

## משה דער אלטער משרת.

### א בילד פון סוחרישען לעבען.

(פארטזעטצונג).

און ניט נור די סוחרים פון גנעשיע גאס, נאר אפילו פון אנדערע גאסען האבען אנגעהויבען פיהלען דענקמאנס קאנקורעניץ: משה האט מיט יעדעם סעזאן אויסגעזוכט אליין נייע ארטיקלען, און דאס געשעפט איז מיט יעדען יאהר אליין גרעסער געווארען און משה איז מיט געוואקסען מיט דעם געשעפט — ער האט געשטיגען ביז 100 רובעל די וואך, און ה' דענקמאן האט קיין שריט ניט געמאכט, וואו ער זאל זיך פריהער ניט מישב זיין מיט משה'ן.

— ר' משה, האט זיך ה' דענקמאן איינמאל צו איהם געווענדט - וואס זאגט איהר עפיס אויף גמליאל'ס בוכהאלטער? — ער בעט זיך אנקומען צו מיר מיט דריי רובעל די וואך ווייניגער, ווי דארט, כדאי?

און ר' משה גיט א גלעט די בארד און ענטפערט:

— ער איז ניט קיין שלעכט בחור'ל, ער חשבונ'ט זעהר שנעל און נאך א בוכהאלטער מוז מען האבען, מיט צוויי איז שווער אויסצוקומען.

— נו, איך פערלאז מיך אויף אייך, ר' משה, שיקט איהם מארגען רופען?

— שמעריל טויג שוין טאקי גאר ניט — האט רבקה איהר מיינונג צוגעלעגט — ער „דערהערט" שוין ניט און „דערזעהט" שוין ניט — ער פערנעמט נור איין ארט, מען דארף איהם געבען אפאר רובעל און זאל ער געהן...

— דאס וועט שוין ר' משה טהון, ווי ער פערשטעהט, ווענען אזוינע זאכען דארף ער זיך מיט מיר גאר ניט מישב זיין — האט ה' דענקמאן בעמערקט.

און אזוי פלעגט ה' דענקמאן אליין איבערגעבען משה'ן. ווען אין געשעפט פלעגט ווער צו איהם צוגעהן, פלעגט ער אנגעבלאזענערהייט ענטפערן:

— וואס דרעהט איהר מיר א קאפ – וואו איז משה?...

ביסליכווייז, ביסליכווייז האט זיך דער נאמען ר' משה צוזאמענגעשמאלצען מיט דער פירמא דענקמאן, אין דער פראווינץ האבען די קונים געזאגט, אז זיי קויפען ביי משה דענקמאן, איין סוחר פון א שטעדטיל האט אפילו דעם אדרעס געשריבען: „אין ווארשוי העררן משה דענקמאן". אז מען האט אין געשעפט דאס קא־טיל בעקומען, האבען אלע משרתים געלאכט פון די נארישע פראווינץ־לייט, און רבקה האט אויך מיטגעלאכט, נאר דאס געלעכטער איז געווען א געצוואונגענער, טיעף אין הארצען האט עס איהר שטארק געדריקט און אין לייב געשטאכען ווי מיט דינע נאדלען. זי האט זיך פערטראכט און איז רויט געווארען.

– יצחק — האט זי זיך געווענדט מיט א גיפטיגען שמייכעל צום מאן — דארפסט בעצאהלען ח"י גילדען פאר דיין נייעס נאמען געגעבען: דו הייסט שון גאט צו דאנקען משה דענקמאן...

דער ה' דענקמאן האט מארנע געשמייכעלט...

עס איז אנגעקומען דער האכסעזאן. אויף דער גנעשא גאס רוישט און זידט, און עס איז שווער דורכצוגעהן די טראטוארען, אויף וועלכע עס ציהען זיך, ווי בריזענדע הוואליעס, די היטציגע סוחרים, און די גאס איז פערשטעלט מיט וועגען אנגעלאדען מיט קופעס סחורה, ווי גרויסע וועגען תבואה אויף די פעלדער. אבגעריסענע טרעגער אין דרייען געבויגען שלעפען אויף די פלייטצעס פאר צוויי קאפיקעס זעקס־זיבענפודיגע פעק אריין און ארויס פון די געוועלבער. די לופט איז געדיכט און געשטיקט און עס קלינגען אין איהר די קללות פון די ארימע טרעגער, די קנאקערייען פון די בייטשען, דאס ווילדע געפילדער פון די סוחרים.. און צו דעם "מיש־מאש" ציהט זיך נאך א "לויה", און די געשרייען און הערצענרייסענדע געוויינען פון די קליינע קינדער, וואס בעגלייטען זייער געשטארבענע ארימע מאמען, מישען זיך צוזאמען מיט די איבעריגע קולות.. און אט האט זיך פונאנדער געוויינט א פשעקופקע, וועלכע עס פיהרען צוויי "סטרוזשען" אין צערקיל אריין דערפאר, וואס זי האט עובר דין געווען אין מיט די שפיצען פינגער פון די פיס איז זי געשטאנען אויפ'ן טראטואר..

און די גנעשא גאס זעהט אויס א גיהנם!..

אין איינעם פון די האכסעזאן טעג איז אריין צו דענקמאן אין געשעפט א דארער לאנגער יוד, האלטענדיג א בריעף אין האנד, און האט געפרעגט מיט א הייזעריגער שטימע:

— דא איז משה דענקמאנ'ס געשעפט?

— דאס געשעפט איז מיינס — יצחק דענקמאנס! האט ה' דענקמאן מיט כעס געענטפערט - משה איז ביי מיר א משרת, ווייזט אהער דעם בריעף!..

— ער קען זיך טאקי מיט דער צייט איינרעדען, אז דאס געשעפט איז זיינס.. האט רבקה געמורמעלט אונטער זיך.

— גיט מיר עפיס פאר'ן וועג! האט דער לאנגער דארער יוד שטיל, פערקרימענדיג דאס ארימע פנים, געבעטען און האט אויסגעצויגען די האנד.

– איך גיב ניט! האט דענקמאן טרוקען געענטפערט.

— אלע גיבען.. האט דער יוד זיך געדרונגען.

— אלע מענען געבען — איך ניט !

— חנה האט געזאגט, אז ר' משה וועט געבען — האט דער ארימער יוד אנגעהויבען טענה'ן — זאל איהר דאס גאט געבען געזונד, וואס איך האב פון איהר, איך האב מיך געשלעפט א שטיק וועג פון גזשיבאוו.. בין איך וועמעס אומזיסטער משרת? ר' משה, זאגט זי, וועט געבען.. זאל איהר גאט געבען וואס איך וויים..

— אט גיבען זיי איהם א צעהנעריל, זאל ער ניט מאכען קיין ליארים, עס איז פול דאס געשעפט מיט מענשען — האט משה געזאגט שטילערהייט.

— נו גיט איהם, אז איהר זענט א גוטער! — האט יצחק געענטפערט אויפהויבענדיג זיינע שווארצע גרויסע ברעמען, און א פינסטערער וואלקען האט זיך פערצויגען אויף זיין געזיכט.

— "א בעל-צדקה" אויף א פרעמדע קעשעניע! האט רבקה געמורמעלט, ארויסנעהמענדיג א גרויסען קופערנעם צעהנעריל און אבגעבענדיג דעם יודען.

— ר' משה האט איצט געקריגען פון "אלטען" א פיינעם חלק! האט א פופציגיעהריגער משרת א געשריי געטהון, ארייגשפרינגענדיג אויף איין פוס אין פאקצימער.

— ווער, ווער? ר' משה? פאר וואס? ר' משה פון "אלטען?" האבען אלע איברינע קליינע משרתים נעפרעגט שטארק פערוואונדערט, צוזאמענלויפענדיג אין איין קופקעלע.

פאר משה'ן איז יצחק'ס און רבקה'ס גראבער ענטפער געווען ווי איין אונערווארטעטער פאטש, ער האט ניט געוואוסט, פון וואנען דאס איז איהם געקומען. ער האט א דרעה געטהון די וואנסען, א גלעט געטהון די לאנגע בארד, און איז אריין, וואו די יונגע משרתים האבען געפאקט די אבגעשריבענע סחורה. נאר דארט האט ער ניט געקענט איינשטעהן, איהם האט זיך געדאכט, אז די משרתים'ליך קוקען אויף איהם מיט מאדנע בליקען, און ער איז ארויסגעגאנגען אין א צווייטען צימער אונמוטהיג און ברוגז..

— גוואלד, ר' משה, האט רחמנות, הייסט בערעכענען מיין ביסיל סחורה, איך וועל די פוהר פערזאמען, האט געשריען יאכנע פון גריצא, א דארע קליינע יודענע מיט א פנימ'ל ווי א פיינ די גרויס.

— וואס דארפט איהר משה'ן? וואס געפעלט אייך ניט בעריל? — האט זיך רבקה אבגערופען און האט געגעבען א וואונק צו בערלען. יענער האט גלייך א שפרונג געטהון איבער'ן בופעט און האט זיך אוועקגעשטעלט קעגען יאכנען:

— קומט — איך וועל אייך "אבשרייבען" די פאר שטיקליך סחורה!

— ניין! איך וויל ניט "דו" —, איך וויל ר' משה זאל בערעכענען.

— און אז ר' משה וועט שטארבען, מיינט איהר, וועט דאס געשעפט בלייבען שטעהן?.. — האט בעריל מיט א בעהאלטענעם כעס געפרעגט. נאר יאכנע האט אליץ געטענה'ט.

— גאי, גאי, יאך וויל ר' משה זאל "אבשרייבען".

און ר' משה, דערהערענדיג ווי מען דערמאנט זיין נאמען, האט פון דער ווייטענס גערופען:

— שוין, יאכנע, שרייט ניט — איך געה שוין אונטער צו אייך.

— נארישע יודענע, איהר מיינט, אז ר' משה וועט אייך אוועקשענקען די סחורה? — האט רבקה בייז געמורמעלט.

— אהרן, פאר וואס האסט דו ניט איינגעפאקט ווייסעלפיש'ס סחורה? — האט משה געשריען אויף א קליין-משרת'יל.

— דער "אלטער" האט ניט געהייסען. האט דער משרת קורי'ן געענטפערט.

משה'ן האט זיך געדאכט, אז די פאדלאגע רוקט זיך ארויס פון אונטער זיינע פיס, ער האט אבער זיך געשטארקט, געפאסט מוטה און וויעדער געארבעט, ווי איהם וואלט דער גאנצער "ברוגז" ניט אנגעגאנגען.

אין אפאר טעג ארום האט זיך וויעדער געמאכט איין "פערדרוס". וואס ווייטער האבען זיך עס אזוינע פערדרוסען אפטער געטראפען, און ר' משה האט דערפיהלט, אז צווישען איהם און זיין פרינציפאל איז עפיס ניט "גלאט", און ער האט ניט געוואוסט די אורזאכע דערפון.

— בעריל! — האט זיך אין איינינע צייט געווענדט משה צום משרת — פאר וואס האסט דו נאכגעגעבען גרינפעלדען נאך א חודש? איך האב מיט איהם אבגערעדט נור צוויי חדשים.

— און אז גרינפעלד וויל ניט, זאל איך איהם ארויסלאזען? — האט בעריל געענטפערט ברייטליך.

— זיי שטיל! האט משה אויפגעפלאמט — איך וועל דיך דעם מח פלעטען..

— הערסט, הערסט, יוסיל, ווי אזוי ער קעהרט די וועלט? — האט איין משרת געזאגט צום צווייטען, טראגענדיג אין צימער א פאק.

— מען וועט פון איהם באלד פטור ווערען, נישקשה—, האט דער צווייטער געענטפערט.

און משה האט דערפיהלט, אז וואס א טאג ווערט דא זיין לאגע געדריקטער. ער ווערט געפאלענער.. זיין שטענדיג-פרעהליך-פנים האט זיך פערצויגען, ווי מיט א קומער, און זיינע ליכטיגע אויגען מיט רויך. אין זיין לעבען האט זיך עפיס איין סטרונע אבגעריסען און זיין שטימע האט טרויריג געקלונגען..

זיין איינציגע נחמה איז געווען די ארבייט. דער סעזאן איז אבער אריבער און דער פדיון איז שוואכער געווארען. באלד איז אויך אנגעקומען דער מאנאט דעצעמבער, און דער גאנצער האנדעל איז אבגעשטארבען.

אויף דער גאנצער געגנשא גאס מערקט זיך דער טויט פון האנדעל, ער פיהלט זיך אין לופט, ער שוועבט אויף די טרויריגע מיט וואלקען פערצויגענע געוועלבער..

די גאס זעהט אוים האלב-פינסטער. פון הימעל פאלען גרויסע שטיקער שניי, ווי פעדערן און בעדעקען די שטיינער. אין די געוועלבער האט מען שוין דעם גאז אנגעצונדען, און דורך די פערפרוירענע פענסטער גיסט זיך ארוים אויף די טראטוארען א געלבער שיין. ביי דענקמאנען אין געשעפט איז ריין אויסגעקעהרט, די פערפאקטע פעקליך זענען צוזאמענגעלענט אין פאקשטוב. די שטיקער סחורה אין די שאנקען ליגען צוזאמענגעפרעסט, גלייך ווי זיי וואלטען זיך געטוליעט פאר קעלט. די יונגליך האבען זיך פערקליבען אויפ'ן ערשטען שטאק, זיי זאלען זיך ניט דרעהען דעם "אלטען" אין די אויגען, וועלכער איז אהן "פדיון" צורייצט, ווי א וואלף ווינטער אין דער נארע.. די עלטערע משרתים זיטצען הינטער די בופעטען אין ווארמע פאלטאנעס, ארייגערוקט די הענד אין די ארביל, און גענייצען, גלאצענדיג די אויגען ווער אויפ'ן סופיט, ווער אויפ'ן גאז, וואס זידט און הויבט זיך און ווארפט זיך.

רבקה מיט יצחק'ן האבען ביי'ן קאסע געטרונקען טהיי. בעריל איז געשטאנען ביי א שאנק גענענאיבער דער קאסע, ער האט צוזאמענ-

געלענט סחורה און אלץ געקלאגט זיך אין דער שטיל כלומרש'ט אויף משה'ן:

— נויטיג האט דער מישונענער געדארפט אנלעגען זיך מיט אזוי פיעל פאנס.

— עס האט זיך ביי אונז צוזאמענגעקליבען א גאנצער הדר — האט רבקה זיך געקרימט.

— דער פערסאנאל קאסט אב איין אוצר געלד, מען פליקט, מען רייסט יעדעס יאהר הוספה, און דער פדיון שטעהט אויף איין ארט. דער טייוועל ווייס, וואו זאל מען דאס נעהמען? האט יצחק געמורמעלט בייז.

— ניש-קשה, די „קליינווארג" פערדיענען זייער געהאלט. בעריל שטעהט א מינוט ניט לעדיג, נור דער גרויסער „בויך", דער איז גאר א ברכה לבטלה.

— א קלייניגקייט (12 רובעל א וואך און טהוט ממש גאר נישט, זעה שוין א שעה, אז ער איז אוועק מנחה דאוונען, איך ווייס ניט ווי אזוי מען ווערט שוין פון איהם פטור...

— וואס זאגסטו מיר? — האט זיך רבקה געקרימט — זאג איהם! דיר קען יעדער אויפ'ן קאפ ארויפקריכען, און ביי דיר איז דאס אלץ רעכט.

די טיהר פון געשעפט האט זיך געעפענט, און משה איז אריינגעקומען. ער האט אראבגעטרייסעלט די שניי פון היטיל און האט אונצופריעדען געברומט:

— נו, א וועטער, נו א וועטער! עס הרג'ט אוועק, אזא וועטער דעם גאנצען פדיון.

רבקה מיט יצחק'ן האבען זיךביידע אומגעקוקט, ווי זיי וואלטען וועלען זאגען: וואס זאגסט דו צו זיינע יאהרען?..

— ווען וועלען זיך, ר' משה, ביי אייך אויסנעהמען די „יאהרציימען" — האט ענדליך יצחק איהם איראניש א שטאך געטהון.

משה האט ווי א ציטער געטהון, ער האט אבער גאר נישט געענטפערט, ער האט א וויש געטהון די בארד אין איז ארויף אין צימער, וואו די ביכהאלטעריע האט זיך געפונען.

דער עלטסטער בוכהאלטער מאריט'ץ, א געענדיגטער יוריסט, וועלכער האט געמוזט דורך די אונמעגליכקייט צו ווערען איין אדוואקאט אננעהמען די בוכפיהרונג, איז געזעסען ביי איין שרייבפולט, די אויגען איינגעגראבען אין א לאנגען דיקען בוך און האט געקאנטראלירט די רעכענונגען און האט אבגעשטימט די קאנטעס.

משה איז געשטאנען א ווילע, און ניט וויסענדיג ווי ארום אנצוהויבען, האט ער שטאר געקוקט אויף די וואנד. אין ברוסט האט איהם עפּיס געדריקט, אין קאפ האט גערוישט. ער האט געוואלט זיך אויסרעדען פאר עמיצען די טיעפע בעליידיגונג, פראטעסטירען קעגען די אונדאנקבארקייט, קעגען די גראבהייט פון פרינציפאל...

— איך ווייס ניט, וואס וויל פון מיר דער אלטער — האט ער שטיל מיט א קרעכץ ארויסגערעדט.

מאריין האט אויפגעהויבען די אויגען פון בוך, מיט מיטלייד גע־קוקט אויף משה'ן:

— יא, יא, ליעבער משה.. עס איז שוין תמיד אזוי..

— איך ווייס ניט, וואס ער טשעפעט זיך אומזיסט און אומנישט. רבונו של עולם!..

— עס איז תמיד אזוי, ליעבער ר' משה, ער ברויך אייך שוין ניט מעהר, זוכט ער בלבולים, פון אייך לויז צו ווערען. „עס איז איינע אלטע געשיכטע"...

— א שרעק! האט איזידאר דער געהילפע פון טיעפען הארצען געפראטעסטירט — מען זאל אזוי אונדאנקבאר זיין א מענשען, וועלכער האט מיט שוויס און בלוט דאס געשעפט איינגעריכטעט. א שרעק, א געוואלד!..

משה האט זיך ווי בערוהיגט פון דעם יונגען בוכהאלטערס פראטעסטירען. ער האט א זיפץ געטהון, א גלעט געגעבען די בארד און איז שטיל צוריק אוועק.

— א שרעק, א שרעק! האט זיך דער יונגער בוכהאלטער אלץ ניט געקענט בערוהיגען נאך ר' משה'ס ארויסגאנג.

— מען ווערט צוגעוועהנט מיט די נ־עסטע טהאטען פון א מענשען, האט מאריט'ץ ווי א פראקטיקירטער געענטפערט מיט א פיליזאפישען טאן. כדי שטענדיג צו גילטען אלס העלד, מוז מען שטענדיג נייעס בעווייזען..

— עס שניידט ביים הארצען — האט איזידאר טרויעריג בעמערקט — ר' משה זעהט נעביך אויס ווי די ערד.

— ליעבער איזידאר, האט מאריץ מיט א ביטערן שמייכעל געזאגט — אין געשעפט איז ניט פארהאן קיין רחמנות, אין געשעפט איז דער מענש א חיה...

— און דער משרת איז א פערד, האט איזידאר געזיפצט.. דאס פערד האט אויסגעדיענט, צי אזוי ניט געפעלען געווארען, בייט מען איהם אויס אויף א בעסערס פערד..

— יא, יא.. האט מאריט'ץ שטיל מיטגעשטימט.

— פוי, עס ווערט אונמוטהיג אויפ'ן הארצען...

„זאמיקאט"! האט זיך דערהערט פון גאס דעם שומרים געמאכטער שטרענגער קול.

— פרעג, וואס זיטצט מען ביז האלבער נאכט! — האט איזידאר ווי פאר כעס אויף זיך אליין געמורמעלט. „זיי", דער הערר מיט דער „מאדאם" זענען שוין אוועק אין וויזיטען און מיר זיטצען דא ווי די.. פוי!..

(ענדע קומט.)

אברהם וואלפזאהן.

---

## נ ד ב ו ת:

### פיר דעם יודישען נאציאנאל־פאנד:

(דורך דער אדמיניסטראציאן „יוד" אין קראקוי)

לזכר נשמת אבי ר' מרדכי יחיאל בן ראובן הנני מנדב לטובת הקופה הלאומית — 1 רו"כ; מאגודת הציונים בגראדזיסק 1 רו"כ; מה' ל. ווערטהיים, י. בינער, ח. פלעטמאן 80 קאפ'; מה' אליעזר גלאסוויי (נאסף ע"י על משתה־נשואין) 2 רו"כ — ס"ה 4,80 רו"כ.

צוזאמען מיט פריהערדיגע 54,23 רו"כ; 17,67 קראנען.

---

Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Redacteur M. Berkowicz. Herausgeber, u. Buchdrucker Josef Fischer, Krakau

אין ענגלאנד איז צו אבאנירען דעם „יוד“ און „די יודישע פאמיליע“ אויך אַלע אויסגאבען אחיאסף
ביי: R. Mazin London 59 Old Montague str. 59

## בריעפקאסטען דער אדמיניסטראציאן

ה׳ פיטלאראוו מינסק: מיר פערשטעהען נישט וואס איהר מיינט מיט די 50 ק׳: „וועלטגעשיכטע“ אדער „יודישע פאמיליע“? דערווייל האבען מיר פערשריעבען די 2,50 אויפ׳ן „יוד“.

ה׳ שוחט—קרעמענצוג: די בלעטער האבען מיר שוין איינמאל געשיקט; יצחק־בער לעווינזאהן׳ס אין זשארגאן—ווייסען מיר נישט.

ה׳ נעסעלעוו—אוספענאווקא: מיר האבען די נומערן געשיקט אין דער צייט אויף דער פריהערדיגער אדרעסע און דארט געפינען זיי זיך.

ה׳ מ. מ. אונגעני: ווענדעט זיך צו דער רעדאקציע אין פעטערסבורג.

ה׳ עפשטיין פיאסעטשנא: שרייבט פאר וועמען האט איהר איינגעצאהלט די 2,75 ר׳?

ה׳ ש. ט—נ ליפאוועץ: אלע האבען אזוי דעם זשורנאל „Ost und West“ ערהאלטען?

ה׳ פ. וו. זאמאשץ: די פרייזען וועגען אויסער פארטא; די „וועלטגעשיכטע“ דרוקט זיך איבער.

ה׳ יוסף ז׳—צודנאוו: אויף ביידע קשיות איין תירוץ: צו אונז אויף אונזער אדרעסע.

ה׳ י. ר—ק—קישינעוו: דאס בוך איז א „יקר־המציאות“ און קאסט אניערך פון 2,50 ר׳.

ה׳ י. ס. טאמאשפאל: דאס בוך איז נישט אין זשארגאן ואנדערן אין רוסישען אדער דייטש. —


פארטרעטע! פאטאגראפירט בייגאכט! 465

פאטאגראפישעם אטעליע





„ראפאער“

ווארשא, דלוגא שטר. נר׳ 40

פילט אויס רעעל און צו דער צייט, צו מעסיגע פרייזען סאי בייטאג סאי אבענדס ביז 7 אזייגער (לויט בעשטעלונג אייך שפעטער), פערשיעדענע פאטאגראפיען, גרופפען, פארטרעטען ביז נאטורגרעס, און אויך בראָשען, מעדאליאנען. בדעלאקען, זאפאנקעס מיט פאטאגראפישען בילד פון דער געווינשטער פערזאן.

פערגרעסערונגען! בראשען א.ז.וו. מיט פאטאגראפיען

לעמבערגער „יודישער פאלקסקאלענדער“

פינפטער יאהרגאנג (ת״ס) רעדיגירט פון גרשם באדער

מיט ארטיקלען און ערצעהלונגען פון: מענדעלי מוכר־ספרים, ראובן בריינין, ד״ר מאקס נאָרדוי, א. ש פריעדבערג, יוסף קלויזנער און נאך אנדערע, מיט דער פאטאגראפיע פון ד״ר נארדוי און פון די ערשטע קאָלאניסטען און „מחנים“, איז נאך נור אין עטליכע עקסעמפלארען צו בעקומען און קאָסטעט 30 קאפ׳ אהן פארטא.

פיר די אבאנענטען פון „יוד“ נור 20 קאפ׳ (מיט פארטא 28 קאפ׳).

צו בעציעהען ביי „אחיאסף“ אין ווארשא.

אנמערקונג: נארדוי׳ס ארטיקעל הייסט „פראקטישער און פאליטישער ציוניזמוס“. ער איז שפעציעל געשריבען פיר דעם „פאלקסקאלענדער“ און יעדער ציוניסט בעדארף איהם לעזען 516

**Вниманію поставщиковъ съѣстныхъ припасовъ для войскъ.**

Попудная и повагонная продажа разныхъ малосольныхъ и копченныхъ рыбъ, какъ-то: судакъ малосольный и сухой, вобла, сопа, снитки, тарань, чиконъ и проч. высылаетъ наложеннымъ платежомъ

500 **А. Г. Сельцовскій** Варшава, Купеческая 11

פריילינען און דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין א קורצע צייט דורך בריעף אין זשארגאן, רוסיש און דייטש. די מעטאדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יאהריגע מ דכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע. ניט זוימט און פרעגט אן ביי

Г-жѣ Бертѣ Найдичъ,

507 Варшава.

**Новооткрытые „Московскіе Номера“**, комфортабельно устроенные съ образцовой прислугой. При номерахъ домашвій ресторанъ. Цѣны отъ 50 к. до 3 руб. за номеръ. Х. Мосевицкій, Варшава ул. Новолипки 10, противъ 2-ой Гимназій. 419

לבעלי בריתי לזכרון תמיד!!!

אדריסתי היא רק בת ג׳ מלים:

Я. Нейдичъ Варшава.

פראספעקט ישולח חנם לכל דורש

!! מעבלירטע צימער !!

מוסטערהאפט זויבער און בעקוועם איינגעאָרדענט, אים פרייזע פון 50, 60, 75, 90, 1.25, 1.50 ביז 2 רו״ב א טאָג. בארע־צימער (וואננעס), גאזבעלייכטונג. רעעלע בעהאנדלונג און פינקטליכע בעדיענונג. מיטטאגע פרישע און שמאקהאפטע פון 35 קאפ. און סאמאָווארען א 10 קאָפ.

ח. דוואָרעצקי, סט.־יערסקא נו׳ 34.

Меблированныя комнаты

Х. М. Дворецкаго, Варшава

388 Св. Георгія 34

ווער עס וויל גיטע שפייזען עסען זאָל מיין אדרעס נישט פערגעסען, ביי מיר איז פריהשטיק אבענדברויט מיטאגען פריש און ... קיינער וועט זיך נישט בעקלאגען. 470

אדרעס: לעווין געגשא 18 וו.23.

אהוב את המלאכה 509

אלע סארטען שפיגעל - מאכען גרינדליך לערנט אויס רער 25 יעהריגער פראקטיקאנט אי רי שפיגעלפאבריקאציאן

**Юдка Вейнблятъ**

Варшава, Слизская 22.

392 דאנטיסט

בערלין־קרופיצקי, ווארשא

נאלעווקי נו׳ 7

ספעציאליטעט־קינסטליכע צאָהנע קאראנען און בריקען ארבייט (אָהנע גומען).

!! רעפערירט אין 2 שטונדען !!

מען קאָן דורך מיר קויפען אלע בעסאראבישע פראָדוקטען, היינו: קוקורוז, ווייץ, גערשטען, קאָרן, רעפאג, ווייננים וכדומה.

מיין אדרעסע: г. Бѣльцы. (Бесс.) Л. Розенталю.

ניי ערעפענטע יודישע קאנדיטאריי פון

געברידער קאטליצקי,

ווארשא, נאוואליפקי 8.

(„האָטעל ראססיא“)

נעהמט אויף בעשטעלונגען אויף צוקערגעבעקס, קאָנפעקטען, מאראזעננאע טארטען, צעקאָלאדען, קרעמען א. ז. וו. אויף האָכציימען און בעלער היער און אויך ארויסצושיקען אויף דער פראָווינץ

צו מעסיגע פרייזען.

עס ווערען אויסגעפיהרט אלע בעשטעלונגען שמאקהאפט און ביליג און

498 כשר על חג הפסח.

Пользуйтесь случаемъ!

Только за 5 руб. высылаю коллекцію морскихъ раковинъ перламутровыхъ разныхъ породъ. Спеціальная мастерская издѣлій изъ раковинъ и бронзы письменныхъ и туалетныхъ принадлежностей. На коллекцію задатокъ въ размѣрѣ 25% высылаю франко.

Адресъ: В. А. ТРАВНИНУ

479 Варшава, Наевки 35.

485 Рекомендуется

**комфортн. гостинница**

**„ВИКТОРІЯ“**

ЯКОВА ФАЙНШТЕЙНА

**въ г. Кобринѣ** гродн. губ.

Номера совсѣми удобствами и по умѣреннымъ цѣнамъ.

איך קען אויך

פערקויפען פרימא רעגראס פיר 3,25 א פור טראגען פון 2 ביז 5 רובל א פור, ריגאער גליצער צו 7 50 א פור אויך נור פיר באארעס געלט געגען 15 % האנדגעלט, בעוואוסטע פירמאס אהנע האנדגעלט.

515

Г. Тувъ, Варшава

Кармелитская 20.

דר. מ. נאטטליעב

אָרדינאטאָר דער קיווערליכען אוניווערסיטעט־קלינק

ווארשא, קארמעליצקא 4. 471

טרעפע — טרעפע

# כשר לפסח

אפילו למהדרין מן המהדרין

די אָ ד ע ס ע ר אבטהיילונג דער בעוואוסטער טהע אַק־
ציאָנס־געזעלשאַפט, וועלכע איז בעקאַנט אונטער דער פירמא

## וו. וויסאצקי עט קאמפ. מאסקווא

(קלונימוס זאב וויסאצקי)

איז מודיע אַז אויך היינטיגעם יאָהר ווי די פריהעריגע יאָהרען ווערט די טהעע אויף פסח פערפערטיגט אונטער דער שטרענגער השגחה פון דעם היעגען רב און זיינע נאמנים אַז ס'זאָל חלילה ניט זיין קיין שום קלענסטער חשש פון המץ.

די טהעע ווערט געאַרבייט ריין, זויבער און אמת כשר אויף דעם פיינסטען אופן ווי עס קען נור געבען און אויך אויף דיזען אַרט ווערט אַריינגעלעגט אין די קיסטע און צושיקט אַלע אונזערע אבנעהמער אויך אין אונזערע נידערלאַגע אין ווילנא, ווארשא, חארקאוו, ריגא, טיפ־ליס, ראסטאוו, סימפעראפאל א. ז. וו.

דער הכשר מיט דער חתימה און זיגעל פון דעם רב געפינט זיך ביי יעדען אבנעהמער פון אונזער טהעע.

פרייז: 100 שט.—60 ק.; 25 שט.—15 ק.; 10 שט. **6** ק.; 5 שטיק — 3 קאָפּ.

# קאָנגרעס

זאעבען ערשיענען אים גראססען פארמאט

פארטרעפליך צוזאמענגעשטעלט

איינע נייע זארטע פאפיראסען פון טאבאקען האָהעס קוואליטעט אין ווייסע הילזען פאם עכטען פ־אנצעזישען פאפיער ריז שענער זויבערער אויסארבייטונג. מעסיג קרעפ־טיג און גוטעם א־אמאט, ווירד עמפפאלען דעם געעהרטען פובליקום אלס איינע דער בעסטען זארטען די ביז נון ערשיענען.

די פאבריק עגזיסטירט זייט 1862 יאהר

די פאבריק בעשעפטיגט איבער 2000 ארבייטער געפרייזווירדיגט אויף אלע וועלט־אויסשטעלונגען.

די געעהרטע רויכערער ווערדען ערזוכט גיטיגסט צו פרובירען אונד זיך צו איבערצייגען. אכטונגספאל

495 טאב. פאב. י. ל. שערעשעווסקי.

Хажинская парово-водяная вальцовая мельница помѣщика В. И. Мазараки при с. Хажинѣ. Кіевской губ. окончена и приведена въ дѣйствіе. Вырабатываетъ 6 сортовъ пшеничн. муки самого высокаго качества. Специально строющаяся ржаная мельница скоро будетъ готова. Адресъ: І. Фрейдману, Бердичевъ.

## האנדעלס שולע מיט פענסיאָנאַט 487

נאַילינגען אם רהיין, באַדען.

קאָנצעסיאָנירט פאָן דעם מיניסטעריום דעם גראָסהערצאָגטהום באַדען אונד אונ־טער אויפזיכט דערזעלבען. ערציעהונג שטרענג רעליגיעז. — פאָלשטענדיגע האנדעלסבילדונג. אונטעררירכט דער דייטשען, פראנצויזישען, ענגלישען, איטאליע־נישען אונד רוססישען שפראכע. פראַכטפאָללע געזונדע לאַגע. בעסטע רעפערענצען.

דירעקטאָר א. ראַססמאַן.

| כשר לפסח | קאנדיטעריי מ. שפיגעלגלאז<br>נאלעווקי נו' 10<br>(פארמאלס אינאלואהן)<br>עקזעסטירט זייט 20 יאהר | בהכשר הרבנים |
|---|---|---|

איך בעעהרע מיך דאמיט מודיע צו זיין אלע מיינע קונים אנגרא'איסטען און דעטאלערע דאס די קאנדיטעריי מיינע האב איך געבראכט דיזעס יאהר צום בעסטען ארדנונג, אויך פערגרעסערט דעם לאקאל, און איך בין אומשטאנד אויסצופיהרען אלע בעשטעללונגען פינקטליך, ריין, כשר שמאקהאפט און ביללינ.

מיין קאנדיטעריי בעזיצט קיינע פיליאלען.

506 נור נאַלעווקי Nr. 10

## שפיגעל־פאבריק

## ל. אידעלזאָהן, ווארשא

ביעליאנססקא נו' 1

עמפפעהלט זיין גראססעם לאגער פאָן שפיגעל, שפיגעל־גלאס, טרוימאס אין דעטאיל אונד ענגרא.

466



## Оптическо-Хирургическій и Электрическій складъ



И. ПИКЪ Налевки 35, въ Варшавѣ.

עמפפעהלט צו פאבריקס פרייזען ברוכבענדער עלעקטרא־גאלוואנישע וועלכע היילען גרינדליך נאך קורצעם געברויך, רייבבענדער, בויכבענדער פיר פרויען, עלאסטישע זאָקען פיר געשוואָלענע פיס, ברילען מיט וועגעציאנישע גלעזער וועלכע די אייגענשאפט בעזיצען צו שטערקען די אויגען, אויך פערשיעדענע כירורגישע און אפטישע געגענשטענדע פיר קראנקע, ברוכבענדער ווערדען צוגעפאסט דורך איינען ספעציאליסטען, עס ווערט אנגענומען עלעקטריצשע גלאק ארבייט נייע און פאצינקעס.



י. פיק, נאלעווקע 35

ווארשוי.

499